דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אָפּשניט, האָט אַרויסגעשיקט צוויי באַזונדערע פּאַטראָלן צורעכטמאַכן די צעשטערטע טעלעפאָן פאַרבינדונג. זיי זענען אומגעקומען באַלד ביים אַרויסגיין פון די טראַנשייען. נישט וואַרטנדיק צו שיקן אַנדערע, האָט ער איינער אַליין געכאַפּט א טעלעפאָן קעסטל און אַרויס אונטער אַ געוואַלדיק פייער, וועלכער האָט געהאָגלט פון אַלע זייטן. פון די אָבסערוואַציע פונקטן אויף דער צווייטער זייט ווייסל האָבן די היטלעראָווצעס זיך גוט אָריענטירט אין וואָס עס האַנדלט זיך. זיי האָבן געוווּסט אַז דאָ שטייט אין קאָן אַ זייער וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט, נישט קוקנדיק אויפן שרעקלעכן פייער האָט ער מיט א געוואַלדיקער פאַרביסנקייט געזוכט און געפונען ביידע איבערגעריסענע עקן דראָט. זיי פאַראייניקט און איינגעשטעלט די פאַרבינדונג.

די אַרטילעריע האָט באַלד איינגעשטילט די היטלעריסטישע נעסטן.

אַ דאַנק דעם טאַט זענען געראַטעוועט געוואָרן אַ 150 זעלנער און אָפיצירן פון א זיכערן טויט.

מען קען אַזוי נאָך אויסרעכענען הונדערטער פאַלן פון העלדישקייט מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די יידישע זעלנער און אָפיצירן.

די לאָזונג פון דער פּוילישער אַרמיי איז געווען „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט", די פּאָליאַקן האָבן זיך טאַקע אויסגעקעמפט זייער פרייהייט מיטן פּטור ווערן פון היטלעריזם.

די מערהייט צוריקגעקומענע קריסטלעכע זעלנער און אָפיצירן האָבן צוריקגעפונען זייערע היימען און זייערע משפחות. די העלדישע יידישע פרייוויליקע קעמפער האָבן אויסגעקעמפט פרייהייט נאָר פאַר די פּאָליאַקן. אַליין האָבן זיי אָנגעטראָפן חורבן און פאַרוויסטונג. קיינעם נישט פון זייערע נאָענטסטע. עס איז מער נישט געבליבן ווי צו זאָגן קדיש.

די פּאָליאַקן האָבן די העלדישע יידישע קעמפער באַצאָלט מיטן פּאָגראָם אין קעלץ, און די פּוילישע מאַכט
— מיטן אַנטיסעמיטישן אַקט פון פאַרטרייבן פון פּוילן
— אַלס פינפטע קאָלומנע.

דאָס טאָרן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן און פאַרגעבן. דאָס מוז פאַרשריבן ווערן אין דער יידישער געשיכטע ווי נאָך איין קאַפּיטל פון יידישן מאַרטירערטום.

שמואל בענעט

# וועגן דער לאַגע פון יידיש־לשון

זייענדיק פאַרבונדן מיט דער היגער יידישער פּרעסע כמעט פערציק יאָר (אין אָנהויב די „יידישע פּאָסט" און דאַן די „אויסטראַלישע יידישע נייעס") איז מיר גוט באַקאַנט די באַדינגונגען פון אונדזער מאַמע־לשון, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער באַציאונג צו די יידישע וואָכן צייטונגען.

די עמיגראַנטישע צייטן זענען שוין לאַנג אַדורך, ווען ניי־געקומענע האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש אַלס זייער ערשטע שפּראַך און שפּעטער אַריבער צו דער לאַנדשפּראַך. דער אַלטער דור האָט אָבער נאָך אַלץ טיפע סענטימענטן צו זייער מוטער־שפּראַך, מיט וועלכער זיי באַנוצן זיך ווי ווייט עס איז מעגלעך.

די זעלבע סענטימענטן זענען אָבער נישט איבערגעגעבן געוואָרן צום יונגן דור. צום באַדויערן האָט דער וועלטלעכער סעקטאָר פון אונדזער ישוב צוליב פאַרשידענע סיבות נישט צוגעגרייט קיין יורשים וועלכע זאָלן איבערנעמען די רייכע יידישע קולטורעלע ירושה. נישט איבערגעלאָזט אַ יונגן דור וועלכער זאָל פאָרזעצן דעם המשך און קיום פון יידיש רעדנדיקן סעקטאָר אין אונדזער ישוב. איצט ווען דער עלטערער דור האַלט ביים איבערגעבן זיינע פּאָזיציעס צום יונגערן דור, האָט מען איינגע־

דערשינען איז עס צום ערשטן מאָל אין פראַנצויזיש אין דער פאָרם פון פאָרזעצונגען אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „הומאַניטע״ אין די צוואַנציקער יאָרן; ערשט נאָכ־דעם איז עס אַרויס אין פויליש אין בוך־פאָרם.

אין פיל ערטער זענען אין פוילישן אָריגינאַל פאַראַן שטערנדלעך וואָס פאַרטרעטן ווערטער. אַריינשטעלנדיק אַנשטאָט די שטערנדלעך די ווערטער „פוילן״ אָדער „פוי־לישער״, אָפּהענגיק וועלכעס פון די צוויי ווערטער פּאַסט זיך אַריין, קען מען די בלויזן פאַרפילן. די שטערנדלעך זענען געווען א פּועל־יוצא פון דער שטרענגער ביכער און צייטונגס־צענזור אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. (דער רע־זשים איז נאָך דער מלחמה פאַרביטן געוואָרן דורך א קאָמוניסטישן פּאָליציי־שטאָט).

„כ׳פאַרברען פאַריז״ לייענט זיך אין איין אָטעם (אַפילו צום צווייטן מאָל). דער סטיל איז זייער א שיינער. ברונאָ יאַשענסקי באַנוצט א שפע מיט פארגלייכן — טיילמאָל אַפילו צו פיל. אייגנטלעך זענען עס נישט קיין פאַרגלייכן. טיילמאָל פירט זיך די נאַטור אויף ביי אים ווי דורך מענטשן געשאַפענע זאַכן; אַנדערע מאָל איז פאַרקערט: מענטשן־באַשאַפענע זאַכן פירן זיך אויף ווי נאַטור־דער־שיינונגען. דאָס שאַפט לעבעדיקע בילדער פון אַלעמען וואָס דער אויטאָר באַשרייבט.

דער שרייבער פאַרמאָגט אַזאַ געוואַלטיקע פאַרשטע־לונגס־קראַפט, אַז זיין פאַנטאַסטישע דערציילונג קלינגט אַזוי וואָרהאַפטיק ווי זי וואָלט געווען א באַשרייבונג פון אמתע געשעענישן וואָס זענען שוין פאָרגעקומען און באַ־שריבן דורך אן עדות־ראיה. נישט קיין ווונדער וואָס דאָס בוך האָט געמאַכט אַזאַ רושם אין זיין צייט. עס איז אויך נישט קיין ווונדער וואָס עס איז פאַרגעסן געוואָרן: די פאַנטאַזיע האָט זיך נישט פאַרווירקלעכט. דאָס וואָס איז יאָ ווירקלעכקייט איז זייער ווייט פון דעם אידעאַל וועגן וועלכן ער האָט געטרוימט. ברונאָ יאַשענסקי האָט געהאַט דאָס ביטערע מזל זיך אין דעם אַליין צו איבער־ציַיגן.

דאָס בוך קאָן מען אויסבאָרגן אין דער „קדימה״־ביבליאָטעק, גאָרדאָן־גאַס נומער 7 (בשכנות מיטן „קלאַסיק״־קינאָ), עלסטערנוויק. דאָס בוך באַשטייט פון צוויי בענדער, און די ביבליאָטעק פאַרמאָגט צו צוויי עק־זעמפּלאַרן פון יעדן באַנד אין אַ גוטער יידישער איבער־זעצונג פון ש. ל. שניידערמאַן.

---

„אונדזער פרייהייט איז אָפּהענגיק פון דער פרעסע־פרייהייט. זי קאָן נישט ווערן באַגרענעצט — אָן פאַר־לוירן צו גיין״.

דזשעפערסאָן

---

**פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים גופא.**

---

נ. אַרטענשטיין

# יידן — העלדן אין דער פוילישער אַרמיי

עס איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע יידישע ליטע־ראַטור וועגן היטלער חורבן.

דאָקעגן איז זייער ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן די העלדישע טאַטן פון די פיל טויזנטער יידישע זעלנער וועלכע האָבן געקעמפּט אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין רוסלאַנד, נאָכן אַרויס־פאָרן פון אַנדערסעס אַרמיי קיין פּערסיע.

די פריש געשאַפענע אַרמיי האָט זיך פאָרמירט אין דער שטאָט ריאַזאַן הינטער מאָסקווע, אַהין האָבן גע־שטראָמט טויזנטער יידישע יונגעלייט, אָפּשטאַמיקע פון די שטעט און שטעטלעך פון פוילן.

זיי האָבן זיך באַפרייט פון די צוואַנגס לאַגערן אין סיביר, אוראַל, און געקומען זענען זיי אין דער פריש גע־שאַפענער פוילישער אַרמיי מיטן פולן באַוווסטזיין נקמה צו נעמען אין די היטלעריסטישע מערדער.

עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די טויזנטער יידישע יונגע לייט האָט קיינער נישט געצוווּנגען זיך צו מאָביליזירן אין דער אַרמיי. אַלס ביעזשענצעס (הימלאָזע) האָט רוסלאַנד נישט געהאַט קיין רעכט זיי צו מאָביליזירן.

דאָס זענען געווען די פוילישע בירגער וועלכע האָבן פאַר קיין שום פאַל נישט געוואָלט נעמען קיין רוסישע פאַספּאָרטן.

אָט די יידן האָבן פרייוויליק געשטראָמט אין די רייען פון די ניי געשאַפענע פוילישע דיוויזיעס.

מיטן שאַפן פון דער פוילישער אַרמיי האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט מיט געווער אין האַנט אַרויסצווייזן זייער העלדישקייט און ווילן צום קאַמף.

יונגערהייט האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט, אַז א העלד איז א מענטש אַ ריז מיט שטאַרקע מוסקולן מיט א גע־וואַלדיקער קראַפט.

די טויזנטער פרייוויליקע יידישע יונגעלייט זענען גע־ווען פיזיש שוואַך און אויסגעדאַרט פון שווערער אַרבעט אין די סיבירער שאַכטן און טייגעס, ווו זיי האָבן געליטן פון שטענדיקן הונגער און קעלט.

אָט די שוואַכע יידן האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגע־ווינלעכן מוט אויפן פראָנט. זיי האָבן זיך די ערשטע שטענדיק געריסן צום קאַמף. דאָס קען מען זען לויט דער פראָפּאָרץ פון דער גרויסער צאָל הויכע מיליטערישע אויס־צייכענונגען וועלכע די העלדישע יידישע קעמפער האָבן באַקומען.

באַשרייבן בלויז אַ טייל פון די יידישע העלדן־טאַטן וואָלט געווען גענוג צו שאַפן אַ ליטעראַטור.

עס געדענקט זיך דער העלדן־טאַט פון הענרי סאַל. א יינגל פון קוים 19 יאָר אַלט, פון זאַמענהאָף גאַס אין

י. קאַפּע

# „כ׳פאַרברען פאַריז"

## (אַ וויזיט ביי דער פאַנטאַזיע פון די 20־קער יאָרן)

פאַריז. אָונט. פיער שפּאַצירט מיט זיין מיידל זשאַנעט אויף די בולוואַרן. זיי זענען נישט מער ווי נאָך אַ פּאָרל צווישן אַ המון שפּאַצירנדיקע פאַריזער.

זשאַנעט האָט פאַרטרויט פיערן, אַז זי מוז אומבאַדינגט האָבן אַ פּאָר באַל־פאַנטאָפּעלעך. זי איז פּולקאָם געריכט: איבערמאָרגן, דעם פערצנטן יולי, דעם אָנדענק טאָג פון שטורעמען די באַסטיליע, אָרדנט אין דער מאַגאַזין ווו זי אַרבעט, אַ באַל פון פּערסאָנאַל.

פיער האָט גראָד פאַרלוירן די אַרבעט. עס איז אַ קריזיס אין לאַנד. מען זאָגט כסדר אָפּ אַרבעטער אין די פאַבריקן. זיין פאַרמעגן איז בלויז דריי סו, קוים גענוג אויף אַ גלאָז ביר. צומאָרגנס האָט ער נישט אָפּגעוואַרט זיין געליבטע ווי תמיד נאָך איר אַרבעט, ווייל ער וועט נישט זיין בכוח צוצוזען אירע טרערן ווען ער וועט איר בקשה נישט קאָנען דערפילן.

נאָכדעם קען ער זי אָבער מער נישט געפינען. איר מאַמע זאָגט אים, אַז זי האָט זיך אַרויסגעצויגן פון שטוב. פיער זעט אָבער זשאַנעטן כסדר. אין יעדן אויטאָמאָביל וואָס פאָרט אַדורך מיט אַ פּאָרל איינגעוויניק זעט ער זיין זשאַנעט ווי זי ליבט זיך מיט אַ פרעמדן. טיילמאָל דערקענט ער זי אין די אַנטבלויזטע קינדערישע קניען. ער ווערט ווילד פון ליבע און איפערזוכט. ער לויפט נאָך די אויטאָמאָבילן. ער וואָלט צעריסן די רייכע הערן וואָס קויפן פאַר געלט זשאַנעטס ליבע. שטענדיק אָבער קומט ער צו שפּעט: די אויטאָס פאַרשווינדן, און מיט זיי זשאַנעט.

אַזוי הייבט אָן ברונאָ יאַשענסקי זיין בוך „כ׳פאַרברען פאַריז", וועלכעס איז אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט געוואָרן אַ „בעסט סעלער" אין אייראָפּע. פיער איז נישט דער העלד פון בוך. עס איז דאָ נישטאָ קיין צענטראַלע פיגור, אַרום וועלכער עס שפּינט זיך די מעשה. ריכטיקער געזאָגט: דאָס בוך האָט פיל העלדן, וועלכע גייען פאַרביי.

אויב אָבער מען וויל דווקא האָבן אַ הויפּט־העלד, איז עס די שרעקלעכע דזשומאַ־מגפה, וועלכע פאַרניכטעט עווענטועל גאַנץ פאַריז און לאָזט אין גאַנג אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

פיער איז בלויז איינער פון אַ גרויער, אָנפּנימדיקער מאַסע פּראָלעטאַריער. ער באַווייזט זיך אין אָנהויב פון בוך און פאַרשווינדט. נישט האָבנדיק דאָס אין זינען, לאָזט פיער אין גאַנג אַ קייט פון געשעענישן וואָס וועלן דעצידירן דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט. נישט־ווילנדיק ווערט ער דאָס שוועבעלע וואָס צינדט אונטער דעם דינאַמיט וואָס דרעמלט אין דעם באַוווסטזיין פון די פּראָבנצויזישע מאַסן.

דורך אַ פריינד געלינגט פיערן אַרויסצוגנבענען פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַ פלעשעלע מיט דזשומאַ־באַצילן, און ער שטעקט אָן גאַנץ פאַריז מיט דער שטערבלעכער מגפה. דורך דעם וויל ער נקמה נעמען אין די אַלע רייכע הערן וועלכע האָבן מיט זייער געלט געקויפט די ליבע פון זיין טייערער זשאַנעט. דערמיט ענדיקט זיך פיערס ראָל אין בוך. ער באַווייזט זיך נאָך איין מאָל אויף אַ קורצער ווייַלע, אָבער בלויז סימבאָליש.

פאַריז ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ קאָרדאָן פון מיליטער, וואָס לאָזט קיינעם נישט אַרויס פון דער פאַרדזשומעטער שטאָט.

די שטאָט ווערט צעטיילט אויף קליינע רעפּובליקן. יעדער קוואַרטאַל ווערט אַ מלוכה פאַר זיך. אויף אַזאַ אופן ווערן געשאַפן: אַ באַזונדערע רעפּובליק פון די „ווייסע" רוסן (ווייס־גוואַרדייער, אַנטלאָפענע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע); אַ רעפּובליק פון רייכע אויסלענדער, וועלכע האָבן געהאַט דאָס שלימזל זיך צו געפינען אין פאַריז בעתן אויסברוך פון דער מגפה; אַ רעפּובליק פון די אַרבעטער אונטער אַ קאָמוניסטישער אָנפירונג, און אַפילו אַ יידישע מלוכה אין האַרץ פון קוואַרטאַל אַטעלדע וויל. דאָ וווינען יידן שוין עטלעכע דורות. זיי זענען געקומען אַהער פון בלאָטיקע גאַליציש שטעטלעך; פון די אוקראַינישע פּרוכטבאַרע פעלדער און זיך באַזעצט אין צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שטאָט, גרינדנדיק דאָ זייער אייגענעם געטאָ. בראש שטייט אַן אַסקעטישער רבי רב אליעזר בן צבי, וועלכער וויל איצט פועלן ביים רבונו של עולם ער זאָל אָפּשטעלן דאָס אומברענגען די אומשולדיקע שאָף פון זיין עדה.

אַלע אָן אויסנאָם קומען אום. עס בלייבן נאָר לעבן די אַרעסטאַנטן פון די פאַריזער תפיסות. די תפיסות האָבן גענוצט וואַסער פון אייגענע רעזערוואַרן וואָס זענען נישט געווען פאַרפעסטעט דורך דער מגפה. די פּאָליטישע צווישן זיי, אונטער אַ קאָמוניסטישער אָנפירונג, נעמען איבער די מאַכט. מיט דער האָפענונג, אַז די רעוואָלוציע וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ פראַנקרייך און דערנאָך איבער גאַנץ אייראָפּע. אַזוי פאַרענדיקט ברונאָ יאַשענסקי זיין בוך.

✶

אַן אַנדער פאַנטאַזיע, פון אָרסאָן וועלס, זעט אויס צו האָבן זיך פאַרווירקלעכט. ברונאָ יאַשענסקי האָט אָבער נישט געהאַט אַזאַ מזל: נישט נאָר איז זיין נבואה־האָפענונג נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן נאָר ער אַליין איז, אַלס צוגאָב, געפאַלן אַ קרבן פון זיין אייגענעם אידעאַל. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד דורך זיינע אויסגעטרוימטע קאָמוניסטן.

מען קען יאַשענסקין נישט פאַרוואַרפן זיין טעות — דער גרויסער פאַרגייער פון קאָמוניזם, קאַרל מאַרקס, האָט געמאַכט גרעסערע טעותים, טיילמאָל אַפילו ביידוויליקע — און אוודאי קען מען אים נישט פאַרוואַרפן זיין טראַגישן אומקום.

דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן אויף פּויליש, אָבער

ישראל בערקאָוויטש

# פליענדיקע אותיות

צווישן די 96 לידער אין בוך (פון 110 זייטן) טיילן זיך אויס מיט זייער פּאָעטישער רייפקייט און צאַרטער פאַרשטענדעניש דער ציקל לידער: „מיינע שוועסטער פון תנ״ך״. אין ליד וועגן הגרן, קומט די דיכטערין צום אויספיר:

מיט דורשטיקע ליפּן טרינקט ישמעאל
די מילך פון איר ברוסט
און דעם סם פון דער בריענדיקער שנאה
און טראָגט איר דורך דורות
צו שרהן, צו יצחקן
און צו אברהם׳ען, דעם טאַטן.

צווישן די אַלע ניסים וואָס געשעט מיט ייִדיש — פאַרצייכענען מיר דעם נס, וואָס הייסט שרה שבת.

דער רומענישער ייִדישער ישוב האָט אַרויסגעגעבן באַגאַבטע און וואָגיקע דיכטער און פּראָזאַיקער, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די קליינע שרייבער־משפּחה אין קליינטשיקן ייִדישן ישוב פון היינטיקן רומעניע באַמיט זיך אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן גאַנג.

הגם די באַדינגונגען זענען נישט מער די זעלבע, און אויך די נאָכפראַגע (שוין אָפּגערעדט וועגן נאָכוווקס) אויף ייִדישע שאַפונגען איז ביז גאָר באַגרענעצט — ווילן פּאָעטן און פּראָזאַיקער פּאָרט נישט שלום מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט. פון צייט צו צייט באַקומען מיר פון רומעניע ווערק, וועלכע צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן, ווייל דאָס זענען ביכער פון גאָר אַן אַנדער וועלט.

געוויס וואָלט מען זיך געדאַרפט אָפּשטעלן ברייטער אויף וואָלף טאַמבורס ראָמאַן: „טרעפן געזאַנג״. אָבער די פּאָעטן האָבן היינט פאַרכאַפּט דעם עמוד.

דער דיכטער ישראל בערקאָוויטש האָט שוין אין זיין ליטעראַרישן באַגאַזש עטלעכע ביכער לידער. אין פאַרלאַג „קריטעריאָן״ אין בוקאַרעשט, איז אין יאָר 1984 דערשינען זיין לעצטע פּאָעטישע שאַפונג: „פליענדיקע אותיות״.

י. בערקאָוויטש פאַרמאָגט די קונסט פון שאַפן איבעראַשנדיקע גראַמען, אָנגעפילט מיט אינהאַלט און וויסן. מיר האָבן סימבאָלן, וואָס שווימען אַרויס פון ווירקלעכקייט און אַ ווירקלעכקייט וואָס פאַרשלייערט זיך אין אַ סימבאָל.

הגם אין איניקע לידער טרעפן מיר אָן ביבלישע מאָטיוון און פאַרגלייכן, אָטעמט אָבער דאָס ליד גופא מיט היינטצייטיקייט — אַ היינטצייטיקייט וואָס בענקט נאָך בעסערע צייטן.

ווען מען לייענט בערקאָוויטשן (און נישט נאָר אים — דעם זשורנאַל „בוקאַרעשטער שריפטן״ — ווו ס׳קומען צום אויסדרוק כמעט אַלע ייִדישע שרייבער אין רומעניע) דערמאָנט מען זיך, אַז אין רומעניע האָט אַמאָל געשאַפן און געווירקט דער טאַלאַנטפולער משלים־דיכטער אליעזר שטיינבאַרג, וואָס איז אויך געווען אַ ליטעראַרישער מדריך פון יונגע דיכטער.

מען פילט, אַז אין דער ליטעראַרישער אַטמאָספער שוועבט נאָך אַלץ אַרום שטיינבאַרגס גייסט און דאָס ווערטער־שפּיל, די פאַבל גנבעט זיך אַריין אין דער פּראָזע ווי אין דער פּאָעזיע.

דאָך מוז מען אונטערשטרייכן, אַז ישראל בערקאָוויטש זינגט מיט זיין אייגענער שטים — אַ געזאַנג, וואָס קלינגט ווי אַ דועט פון האַרץ און פון קאָפּ — מיט געפיל און מיט חכמה.

מיט טרויער זינגט דער נעכטן (אין שטאָטישן מוזיי — אַננאַ פראַנק) און מיט זאָרג וועגן מאָרגן; וועגן אַ וועלט וואָס רעדט אַזוי לאַנג פון שלום, ביז זי קאָן דערגיין צו זעלבסטמאָרד.

אָבער נאָך אַלעמען שרייבט י. בערקאָוויטש אין זיינע 23 לידער ווי אַ ייִדישער דיכטער, וואָס פאַרבינדט דעם היינט מיטן נעכטן:

„און שרייב די שורות וואָס דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן
נאָר מיט דער שפּראַך וואָס איך הער אין זכרון״.

דריי דיכטער פון פאַרשידענע דימענסיעס; פאַרשידענע דיכטערישער קאַפּאַציטעט; פון פאַרשידענע לענדער, אָבער מיט אַ טיפער צוגעבונדנקייט צום פאָלק, מיט זאָרג וועגן זיין גורל.

די דריי דיכטער וואָלטן געקאָנט ברענגען זייער וואָרט, זייער געזאַנג דערפאָלגרייך אין אַנדערע שפּראַכן (ווען דליק זייער אינטעלעקטועלער מדרגה) און דאָך האָבן זיי עס געטאָן — אין ייִדיש.

פאַרשטעלן דעם שרייבערס אינערלעכע וועלט און שילדערן זי — זי זאָל אויסזען ווי עמעצנס וועלט — וואָס איז אין לעצטן סך־הכל — זיינע.

ביי דעם פּאָעט קומט דער זעלבער פּראָצעס פאַר אומ־מיטלבאַר. ער איז זיך לכתחילה מודה, אַז ער רעדט וועגן זיינע געפילן, זיינע שטימונגען, זיינע פאַרדראָסן אָדער אַנטוישונגען.

די איבערלעבונגען פון זיין אינערלעכער וועלט ווערן קאָנדענסירט, צונויפגעפּרעסט אין קורצע אָדער לאַנגע שורות (לויט ווי עס סטייעט אים פּאָעטישער אָטעם). זיין אינערלעכע באַדערפעניש צו איבערטראַנספאָרמירן געפילן, שטימונגען, רעגונגען אין ווערטער — באַהויכט מיט פּאָעטישן טאַלאַנט — שאַפן דעם קערן פון דיכטערס שעפערישן אויסדרוק.



# מ. וואלדמאן

# פון אַלע וויַטן

דער דיכטער משה וואַלדמאַן לעבט אין פּאַריז. אין יאָר 1980 איז דערשינען אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון 360 זייטן פּאָעזיע אונטערן נאָמען „פון אַלע ווייטן".

מיר געפינען אין בוך לידער דאַטירט 1928 — אָזאָר־קאָוו (דעם דיכטערס היים־שטאָט), לאָדזש 1946, פּאַריז — 1974. דאָס זענען די ביאָגראַפישע מעטריקעס פון וואַלד־מאַנס לידער, וועלכע זענען אויך די מייל־שטיינער פון מחברס וואָגלענישן — פּערזענלעכע און דיכטערישע.

וואַרשיינלעך באַגרענעצט זיך נישט משה וואַלדמאַן בלויז מיט דיכטונג, און איז אין פּאַריז טיכטיק ווי אַ קול־טור־טוער, איניציאַטאָר פון קולטור־שאַפונגען און אַרויס־געבער פון ביכער אויף פראַנצויזיש פון יידישע פּערזענ־לעכקייטן ווי דובנאָוו, אָדער דיכטער — ווי מאָריס ראָ־זענפעלד.

מיט איין וואָרט — דער פּאָעט משה וואַלדמאַן שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינסטיטוציע אין פּאַריז.

טיילן זיך מיט מיינע איינדרוקן ביים לייענען וואַלד־מאַנס לידער, זעט מיר אויס צו זיין אַ ביסל ריזיקאַליש. עס קאָן גריילעך זיין, אַז כ'וועל פשוט עמעצן נאָכזאָגן, מחמת פון די פאַרצייכענונגען אויפן שער־בלאַט ווערן מיר געוויער, אַז וועגן וואַלדמאַנען האָבן שוין במשך פון די אַלע יאָרן, זיך אָפּגערופן 74 שרייבער אין פאַרשידענע צייטונגען, זשורנאַלן, אַנטאָלאָגיעס.

עס ווילט זיך בלויז באַמערקן, אַז משה וואַלדמאַנס פּאָעזיע איז דורכגעגליט נישט נאָר מיט אינערלעכע געפילן (אַלץ איינס — צער אָדער פרייד), נאָר אויך מיטן באַוווסט־זיין פון פאָלקישער אָנגעהעריקייט.

מיר האָבן פאַר זיך אַן ערנסטן דיכטער, וועלכער באַ־ציט זיך צום געשריבענעם וואָרט, ווי צו אַן אָפּגעציטערט קינד. מען פילט — וואַלדמאַן זוכט נישט קיין אויסערלעכע עפעקטן, דעריבער רעדט זיין ליד צום געמיט.

מען קען נישט פאַרבייגיין — אָן אויסצודריקן אַ לויב־וואָרט פאַרן דרוקער צוליב זיין פּיעטעט באַציאונג צום בוך און זיין גראַפישער קוואַליטעט.

שרה שבת לעבט אין קיבוץ בית אלפא, שוין געוויס אַ יאָר פופציק. נו, און פריער שוין האָט זי געענדיקט אַ העברעישע גימנאַזיע אין פוילן. אָבער דער נס פון יידיש — דעם יידיש וואָס זי האָט מיטגענומען פון איר טאַטנס היים, פון איר גאַס, פון איר סביבה — דאָס איז קינסטלע־רישער שטאָף פון וועלכן זי וועבט אירע לידער.

אין יאָר 1983 איז אין פאַרלאַג „ישראל בוך" דערשי־נען איר צווייטער לידער־בוך „צווישן זון און שאָטן".

און לעבנדיק שוין יאָרן אין קיבוץ, מיט דער העב־רעישער שפּראַך, זענען נאָך אַלץ נישט פאַרטונקלט געוואָרן די זיסע קינדער־יאָרן. הייסט טאַקע די ערשטע אָפּטיילונג: פון דאָרטן . . .

שרה שבת'ס דיכטונג איז שטילע שירה וועגן דער אַרבעטער־גאַס; וועגן לעבן אין קיבוץ; וועגן דער מאַמען וואָס באַגלייט אַרויס איר זון אין דער מלחמה. און ווי פאַר־שטענדלעך עס זאָל נישט זיין, אַז מען מוז פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, פאַרגנבעט זיך פאָרט אין דער מאַמעס האַרץ אַ ציטער און אַ פאַרדרוס.

דאָס לעבן און די פּראָבלעמען פון קיבוץ שפּיגלען זיך אָפּ אין קורצע לידער וועגן רעגן — וואָס רעגנט נישט... וועגן באַרג גלבוע; וועגן די הינדעלעך אין אינקובאַטאָר... די דאָמינירנדיקע טעמע איז: אַרבעט.

פאַרן גלויבן, אַז ער זאָל דערגרייכן אַ פּערפעקטע שייכות צו גאָט; אַז ער זאָל נעגירן זיין אייגענע עקזיסטענץ, ער זאָל תמיד מקריב זיין די איצטיקע וועלט פאַר דער צוקונפטיקער; אַז די דאָזיקע וועלט איז הבל־הבלים. לויט די חסידים איז די ליבשאַפט צו גאָט און גאָטס ליבשאַפט צום מענטשן דער מקור פון אונדזער כוח ליב צו האָבן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט לויט דער תנכישער און מענטשלעכער עטיק. דער מענטש וועלכער האָב ליב גאָט האָט אויך ליב דעם — וועמען גאָט האָט ליב. דאָס אומקערן זיך פון דעם יידישן פאָלק קיין ישראל; די חלוצים וועלכע זענען די פּיאָנערן פון אונדזער פאָלק איז דער רעאַלער אויסדרוק פון טויזנטער יאָרן.

עלי וויזעל באַשרייבט גענוי די הילף וועלכע חסידים האָבן געבראַכט דעם יידישן פאָלק אין צייט פון טרויער. אין דעם מאָמענט פון אומקום פון יידישן פאָלק איז עס געווען אַ שטאַרקע מאָראַלישע הילף צולייגן דעם אַקצענט אויף פריינטשאַפט און ליבע צו די מיטמענטשן. דער ייד האָט אַנטדעקט דעם פאַרלאַנג צו זינגען און האָבן פרייד אין אַ צייט ווען דער הימל איז געוואָרן פינצטער מיט כמאַרעס. דער ייד האָט איינגעהאַלטן דעם צוטרוי, גלויבן אַפילו דעמאָלט ווען צו באַקומען הילף איז געוואָרן שווערער און ווינציקער. די חסידים האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון די רעליגיעזע טראַדיציעס און קיינמאָל איז זיי נישט איינגעפאַלן צו לייקענען אין דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ פון יהדות. זייער ציל איז שטענדיק געווען א פּאָזיטיווער און קיינמאָל נישט קיין נעגאַטיווער.

חסידות איז געווען זייער ווייט פון וועלן איינפירן רעפאָרמען וואָס רירן אָן די וואָרצלען פון דער רעליגיע. נישט די אמונה וויל זי רעפאָרמירן נאָר דעם גייסט פון דעם מאמין. זייער ציל איז געווען די באַהעפטונג מיט דביקות מיט גאָט און גיין אין זיינע וועגן. דער קוואַל פון גלויבן איז פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון מענטשנס נשמה. משיג צו זיין דעם מהות פון לעבן און זיך צונויפגיסן מיט דער גאָטהייט אין געדאַנק און געפיל. חסידות גלויבט אַז אין אונדזער וועלט האָט יעדע זאַך ניצוץ פון גאָט אין זיך. דער ניצוץ ווערט פריי ווען מען דינט גאָט מיט פרייד און איבערגעגעבנהייט. גאָט איז נישט נאָר א קאָנצעפּציע. ער איז א רעאַלע, ממשותדיקע ווירקלעכקייט.

בובערס טעאָריע וועגן מענטשן האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אויף זיינע פאַרערערס. אָבער דער וויכטיקסטער באַגריף וועלכן בובער האָט איינגעפירט אין פילאָסאָפיע און וועלכער האָט זיך אָנגענומען ביי קריסטן און בודיסטן געפינט זיך אין בוך: „איך און דו". מאַרטין בובער ווענדט זיך צו דעם מאָדערנעם מענטש. דער מענטש איז איזאָלירט און פרעמד זיך אַליין, אַזוי ווי ער איז פרעמד פאַר א צווייטן מענטש. אַ ליבשאַפט צום מענטשן קאָן נאָר אָננעמען רעאַלע פאָרמען ווען זיין ליבע קומט דורך גאָט. לויט בובערן קומט אויס אַז אויך די ליבע צו גאָט קומט דורך דער ליבע צום מענטשן. דער פּרינציפּ פון דיאַלאָג מוז זיין דער פּרינציפּ פאַרן מענטש, און פאַר זיין שייכות צו גאָט. בובער האָט נישט קיין צוגעגרייטן ענטפער פאר די דאָזיקע פּראָבלעמען וועלכע ס'איז שווער איבערצוקומען פאַרן מענטש. אין וואָרט, אין דער שפּראַך זעט בובער דעם כוח אויסצודריקן די רעאַליטעט, דאָס לעבן, דאָס שייכות צו גאָט און מענטש.

דעם דיאַלאָג באַצייכנט בובער: „באַגעגענען". ביים באַגעגענען מיינט בובער אַ ממשותדיקע קרובהשאַפט, רעאַליזאַציע. מיר האָבן צוויי ווערטער און זיי זענען „איך און דו" און „איך און דאָס". די ערשטע ווערטער „איך און דו" ווייזט א קרובהשאַפט פון א פּערזאָן צו גאָט ווייל „איך און דאָס" ווייזט אָן א פאָרם פון קאָנטראָל. מיך איז אין ביידע פאַלן דאָס זעלבע ווי ביידע ווערטער: איך און דו. „איך און דאָס" זענען פאַרשיידן און האָבן אַנדערע מיינונגען. צו דינען גאָט מיינט אויך דינען דעם מענטש. קירקעגאַרד האָט איבערגעריסן זיינע תנאים מיט רעגינאַ אָלסען אויפן סמך פון זיין גלויבן אַז פאַרבינדונג צו אַ זאַך מיט אַן ענד מאַכט שוואַכער די צוגעבונדנקייט צו גאָט וועלכער איז אייביק אין אין־סוף, צו דעם אַבסאָלוט.

מאַרטין בובער האַלט אַז קירקעגאַרדס וועלט אַנשויאונג איז פאַלש. לויט בובערן קומט אויס, אַז צו דערנענטערן זיך צו זאַכן וועלכע האָבן א סוף שטערט נישט דאָס דערנענטערן זיך צו גאָט אַליין. דער וועג צו גאָט פירט דורך דעם וועג צום מענטש און דער וועג צום מענטש פירט דורך דעם וועג צו גאָט.

מ. אייזענבוד

# דיכטער און דיכטונג

פּאָעזיע איז נאָך אַלץ דער אינטימסטער, יחידישער אויסדרוק פון נשמה־צאַפּלעניש, אינערלעכן וויכוח מיט זיך און מיט דער וועלט.

דער פּאָעט שטעלט דאָס ליד, זיין געזאַנג ווי אַ מחיצה צווישן אים און דער דרויסנדיקער פּראָזאַאישער און מאַטעריאַליסטישער וועלט, וואָס איר מאָראַל איז געבויט אויפן פּרינציפּ:

„האָסטו — ביסטו!"

פון אַלע עקן וועלט ברענגען די פּאָעטן זייער אינדיווידועלן אויסדרוק אין דער פאָרעם פון ביכער, וווּ צווישן די זייטלעך פלאַטערט זייער נשמה־אויסגוס, און וווּ זיי אַנטבלויזן זייערע געפילן פאַרן לייענער — אויב נאָר זיי געפינען דעם פילבאַרן לייענער, ביי וועלכן פּאָעזיע געפינט אַן אָפּקלאַנג, און אַן אָפּרוף מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, געפילן און שטימונגען, וועלכע ער — דער לייענער — איז צו שעמעוודיק, אָדער נישט דרייסט צו אַנטפּלעקן פאַר אַנדערע.

דורך ביכער דערקענען מיר מענטשן — אָבער דאָס רוב — דעם מחבר גופא, מחמת יעדער שרייבער, שרייבט אַרויס פון זיך דאָס, וואָס איז אים נאָענט.

דער פּראָזאַיקער נוצט אָן אַ שיעור ווערטער, זיי זאָלן

י. מ. לעווין

# צוויי לידער

א)

וואהין?
וואהין, בן אדם?
וואס נאָך ווילסטו דערגרייכן?
אויף דיינע דינע חכמה פעדעם
צום ערשטן שטערן ביסטו דערקראָכן
און יובלסט
מיט גליק פאַרכלינעט:
איך בין דערגאַנגען!!!

אַ ווערעמל אין דיר נאָגט און נאָגט —
וואס איז גאָט?!...

האָסט נישט דערזען
אויף דיינע שווינדלדיקע געדראַנגען
דאָס אויג
וואס וואַכט
און לאַכט ווי דו
ווען זעסט אַ ווערעמל אין געקלעטער
פוישט דעם גוידער:
איך בין אַ ברודער לייבלעכער
צו די געטער!...
זע — איך האָב דערגרייכט
צום סאַמע שפּיץ פון מאָך־בלאָז!

געווען איז דער באַרג
אַ קינדער־בענקעלע
פון דער ערד —
אַ שפּאַן.

ב)

איך שטיי אויף דער וואַך, אַ וועכטער, אַ מידער,
אַ היטער פון אוצר פון שטאַמיקע נויטן;
ווינטן רייסן ס'שטילע געוויטער —
אויף וואָס וועט די רו ווערן פאַרביטן?...

איך שטיי אויף דער וואַך אין לייד אַ געניטער!
איז עס דער רוף פון עבר וואָס וועקט מיך
צו היטן ס'פלעמל וואָס צאַנקט אין געוויטער,
צי איז עס דער רוף פון דער טיף פונעם איד?!

איך ווייס, כ'דאַרף היטן ס'צאַנקנדיקע ליכט,
די נשמה פון פלאָם פון הימל געשענקטן —
ס'צעהעלט די קנייטשן פון מידן געזיכט —
און כ'רייניק דאָס ליכט פון קנויטן פאַרברענטע.

אַלצאיינס — צי ס'איז דער נעכטן וואָס וועקט
צו היטן די ריינקייט פון גלויבן בתמימות;
אויב אַזאַ איז דער גורל, וועל איך היטן אָן שרעק,
ביז מיין פאַרגיין — ס'פלעמל פון פגימות.

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# די פילאָסאָפיע פון מאַרטין בובער

קיין שום אַנדערע פילאָסאָפיע האָט נישט דערגרייכט אַזאַ הויכקייט און איז נישט הערגאַנגען צו אַזאַ ווייטקייט ווי די פילאָסאָפיע פון מאַרטין בובער.

אין 1938 בין איך געווען אַ תלמיד אין מכון למעדי היהדות אין וואַרשע. דעמאָלט איז בובער געקומען פון דייטשלאַנד און איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, ער האָט דאָן געהאַלטן א רעדע אין אינסטיטוט. ער איז געווען פול מיט זאָרגן; ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ פאָרגעפיל וואָס עס קומט אויף דער וועלט. ער האָט אויפגעקלערט דער וועלט און די צוהערערס אין אינסטיטוט אין וואָס עס באַשטייט די געפאַר. מען האָט געזען בפירוש אַז דאָס ליכט פון דער וועלט גייט אויס, און אַז עס ווערט מיט יעדן טאָג פינצטערער, און אַז די טרויעריקע נאַכט קומט נענטער צום יידישן פאָלק.

די שפּעטערע יאָרן האָבן דאָס אָן שום ספק באַשטעטיקט.

מאַרטין בובער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן חסידות. ער האָט איבערגעזעצט אויף דייטש ר' נחמן בראַצלאַווערס מעשיות און אויך די געדאַנקען פון בעל־שם־טוב.

די חסידים זענען נישט געווען די ערשטע וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט מיט אָפּגעבן זיך דער מיסטיש רעליגיעזער וועלט אויפפאַסונג.

דער ערשטער וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן דעם לימוד פון תלמוד און קבלה איז געווען שבתי־צבי. ער פלעגט זיך באָדן אין ים און איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע יוגנט וועלכע ער האָט באַצויבערט מיט זיינע שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן און שיינע מעשיות. שבתי־צבי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן חלומות און זיין גרויסער מיסיע, אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק. שבתי־צבי איז געוואָרן אַלץ זיכערער אין זיך, און געהאַלטן אַז ער איז דער יידישער משיח. שבתי־צבי האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי א נביא־שקר. די פראַגע איז: פאַרוואָס האָט מען אים געגלויבט? דער שמש פון דער אשכנזישער קהילה אין אַמסטערדאַם, האָט געשריבן וועגן דעם: „אין וואָס האָט מען דאָס געקענט דערשפּירן, אַז זיין נביאות איז געווען שקר?”

די באַוועגונג וועלכער דער בעל־שם־טוב האָט געשאַפן איז א מיסטיש־רעליגיעזע. זי איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט אין מזרח אייראָפּע, אין 18־טן י"ה. פאַר דעם בעל־שם־טובס חסידים איז דאָס וויכטיקסטע צו פירן אַזאַ לעבן אַז זיי זאָלן קאָנען דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן; אַז זיי זאָלן אַזוי טראַנספאָרמירן זייער דענקען און רעאַליטעט אַז דאָס לעבן זאָל זיין געווידמעט צום דינען גאָט.

אַנדערע רעליגיעס האָבן געווינלעך געזען דעם ציל

הערשל באַכראַך

# יידיש טעאַטער אין מעלבורן לעבט!

אין מאַי 1984 נומער "קולטור און לעבן", אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע, שרייבט דער רעדאַקטאָר יוסף מלאָטעק אין שייכות מיט דעם 70־יאָריקן יובליי פון דער „יידישער פאָלקס־בינע". די טעאַטער גרופּע איז לויט י. מלאָטעק די איינציקע ערנסטע יידישע טעאַטער־גרופּע וועלכע איז געבליבן לעבן און איז נאָך איצט טעטיק אין אַמעריקע.

ווילן מיר צו אָט דער קינסטלערישער טעאַטער גרופּע צוגעבן אונדזער מעלבורנער דוד הערמאַן טעאַטער, וועלכער האָט טראָץ אַלע שוועריקייטן און ענדערנדיקע אומשטענדן, איינגעהאַלטן אין מעלבורן אַ געזונטן קערן פון אַ יידישער טעאַטער גרופּע, וועלכע שטעלט יעדן יאָר אַ יידישע פּיעסע. עס ווערט אויף דעם אופן אויפגעהאַלטן דער ניצוץ פון יידישן טעאַטער און זי ברענגט פאַרן יידישן עולם גוטע פאָרשטעלונגען פאַר וועלכע עס איז נאָך פאַראַן אַ ווייליקער יידישער עולם וואָס קומט גערן אין די היימיש־יידישע ווענט פון דער „קדימה", כדי צו פאַרברענגען אַ קינסטלערישן אָוונט און הנאה האָבן פון יידישן געלעכטער און שפּרודלדיקן יידישן הומאָר.

שוין דעם דריטן יאָר קומט אַהער פון ישראל די באַקאַנטע און גוטע אַקטריסע ראָזאַ טורקאָוו און רעזשיסירט אין מיט דער דוד הערמאַן גרופּע אַ יידישע קאָמעדיע. דאָס מאָל הייסט די קאָמעדיע „דער חשובער גאַסט" פון ז. קאַלמאַנאָוויטש (מיר ווייסן נישט וועלכער קאַלמאַנאָוויטש דאָס איז, וואַרשיינלעך נישט דער ז. קאַלמאַנאָוויטש פון ווילנער ייוו"א). די פּיעסע איז שוין פיל מאָל באַאַרבעט געוואָרן דורך פאַרשידענע רעזשיסערן. אין איר איצטיקן זשאַנער איז אונדזער הויפּט־העלד א נייער עולה פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וועלכער קומט קיין ישראל צו זיינע דריי קינדער, שוין לאַנג געקומענע אין לאַנד אַריין. ווי עס דאַרף זיין, רייסן זיך די קינדער איבערן טאַטן, יעדער וויל אַז דער טאַטע זאָל איינשטיין ביי אים.

אָבער די אויסניכטערונג קומט גאַנץ שנעל. דער אַלטער טאַטע ווערט דערעסן, ער „מישט" זיך צו פיל אַריין אינעם לעבן פון די קינדער און ער ווערט אַ לאַסט פאַר זיי. ער גייט פון איין קינד צום אַנדערן, ווי באַשטעטנדיק די אַלטע יידישע פראַזע, אַז איין טאַטע קען אויסהאַלטן צען קינדער, אָבער צען קינדער קענען נישט אויסהאַלטן איין טאַטן...

און אין דער מיט פון די דריי משפחות דרייט זיך אַרום די לעבנס־דערפאַרענע שוויגער פון איינער פון די קינדער, געשפּילט סובטעל און מיט גרויס פאַרשטענדעניש דורך דער רעזשיסערין גופא ראָזאַ טורקאָוו, וואָס זעט פאַר די קומענדיקע קאָנפליקטן צווישן די יונגערע קינדער און דעם אַלטן טאַטע.

יעדע קאָמעדיע, וועלכע דאַרף האָבן א מוסר־השכל, דאַרף אויך אין דער זעלבער צייט פאַרמאָגן אַ היפּשע דאָזע הומאָר, אַז נישט וועט זי נישט אויסנעמען ביים עולם, וואָס דאָס איז דאָך דער איינגנטלעכער ציל פון יעדן רעזשיסער. די סיטואַציעס — פון איבערגיין „פון איין קינד צום אַנדערן" — פאַרמאָגן א שפּאָר ביסל קאָמישע סצענעס, וועלכע רופן אַרויס אַ הייטערן געלעכטער ביים עולם. אַ סימן דער ציל פון עם רעזשיסער איז דערגרייכט געוואָרן (דאָס זידלען זיך פון די צוויי ברידער וואָלט איך אַרויסגעוואָרפן...).

ס'איז צו זען אַז ראָזאַ טורקאָוו האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט כדי אַרויסצוקריגן פון אירע מיטשפּילער דעם מאַקסימום מאָס פון צוזאַמענשפּיל און האַרמאָניע. עס דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דאָס שפּילן פון צוויי מענטשן, וועלכע זענען מיט זייערע קרעאַציעס אַרויס פון די ראַמען פון אַמאַטאָרן און דאַרפן פאַררעכנט ווערן אַלס דערפאַרענע אַרטיסטן, וועלכע האָבן געשאַפן אמתדיקע געשטאַלטן, וועלכע רופן אַרויס באַוווּנדערונג ביים עולם. דאָס איז יאַשאַ שער אין דער ראָל פון דעם אַלטן טאַטן. עס איז אַ גרויסע ראָלע און ער שפּילט זי אויס מיט גרויס קראַפט און איבערצייגונג.

עפּעס ענלעכס קען געזאָגט ווערן וועגן מענדל שמערלינג, דער מאַן פון דעם אַלטנס טאָכטער און האַרעפּאַשנער מושבניק, וועלכער רייסט זיך אויך צו האָבן ביי זיך דעם טאַטע און אויך ער לעבט איבער די אומפאַרמיידלעכע אַנטוישונג מיט דעם אַלטן טאַטן. וואָס מאַכט אָבער אויסגעצייכנט אָט די ראָל איז דער שטאַמלענדיקער מושבניק מאָטל וועלכע מענדל שמערלינג שפּילט אויס אויסגעצייכנט; ער שאַרזשירט אפשר א ביסל, אָבער עס האָט דאָך אויסגענומען גאָר שטאַרק ביים עולם. עס איז אָן ספק די בעסטע ראָל וואָס מענדל שמערלינג האָט אין דער פּיעסע אויסגעפירט אין זיין שוין לאַנגער קאַריערע אַלס מיטגליד פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער אין מעלבורן.

ווי געזאָגט, איז דער גאַנצער אַנסאַמבל גוט צוזאַמענגעשפּילט און יעדער פון די שפּילער — בערל לוסטיג, רבקה ראָטשטיין, יצחק פּרעסער, מירא פּפאו, אידאַ לוסטיג, טאַמאַראַ ראָזענבלום, לייבל מראָצקי און אברהם וויגושין — האָט ביגעטראָגן צו דער הײַ־יאָריקער טעאַטראַלער אָנשטרענגונג פון דער „קדימה" טעאַטער גרופּע א"נ דוד הערמאַן. די רעזשיסערין ראָזאַ טורקאָוו פאַרדינט א יישר־כוח פאַר אירע באַמיאונגען אויפן היגן קולטור־באָדן לטובת דעם יידישן וואָרט.

דער כמעט־מיטגליד פון טעאַטער־קרייז אהרון גורוויטש איז שוין אַ שטענדיקער באַשטאַנד־טייל פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען און האָט אויך דאָס מאָל בייגעשטייערט זיין גוטן חלק פון פּראָפעסיאָנאַליזם און גוטן געשמאַק צו די דעקאָראַציעס; און הינטער די קוליסן האָט ענערגיש אָנגעפירט דער „נייער עולה פון רוסלאַנד", לעוו קאָלטיניוק, וועלכער ווייסט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַן אימפּראָוויזע. ער איז גוט און שנעל אַריינגעוואָקסן אין אונדזער קולטור־סביבה.

טראנספאלירן די שוין באקאנטע וויסנשאפטלעכע דאטן פון די דורכן מענטש דערלאנגטע גרייסן אויף יענע זאכן וועלכע זענען אזוי אומענדלעך־קליין אדער אזוי אומענדלעך־ווייט, ווי אטאמען און ווייטע שטערן, וועלכע דער מענטש קען מיט זיינע חושים און הילפס־אפאראטן דירעקט נאך נישט דערלאנגען.

כדי צו דערקענען אלץ, מוז דער מענטש באנוצן א לאגישן געזעץ און מאכן א היקש און א גזרה שוה פון מענטשלעך־נאענט און גרויס, ביז גאר ווייט און גאר גרויס, אויף ארויף און ביז גאר קליין און אולטרא־מיקראסקאפיש — אויף אראפ. ווייל די באציאונגען און די געזעצן צווישן זאכן זענען בלויז אפהענגיק פון זייער קעגנזייטיקער פראפארציע. אבער זענען נישט אפהענגיק פון זייער רעאלער גרייס. טויזנט ליטער וואסער און איין קילא זאלץ פירן זיך אויף צוזאמען ווי איין ליטער וואסער און איין גראם זאלץ. דאס איז א פילאסאפישער אויפטו. דער אויפטו איז נייטיק צו מאכן די מענטשלעך־באשרענקטע דערקענטעניש קאסמיש, פון איין זייט; און די מענטשלעך־איבערפלעכלעכע דערקענטעניש — גרינטלעך — פון דער צווייטער זייט. און דער פילאסאפישער אויפטו איז אויך אן עלעמענט פון איינשטיינס רייכער מעטאדיק, וועלכע באריייכערט אפט די קורצזיכטיקע נאטור־וויסנשאפטן מיט ווייט־זיכיקע פילאסאפישע באטראכטונגען. אט דאס איז דער געבענטשטער שידוך צווישן פילאסאפיע און וויסנשאפט, וועלכן איינשטיין האט געשדכנט און צוזאמענגעשטעלט. איינשטיינס פארשן, איינפאלן און געדאנקען האבן געשאפן דעם וויסנשאפטלעך־פילאסאפישן קאנטינואום.

אזא סינטעטישער, אימאגיטאטיווער און טיפזיניקער גאון, צום דינסט פון דער וויסנשאפט פון 20־טן יארהונדערט, איז געווען איינשטיין. ווען מיר זאלן קאמבינירן די גאונות פון פיטאגאראס און ניוטאן מיט די עמפירישע דאטן און וויסנשאפטלעכע דעראבערונגען פון דעם 20־טן יארהונדערט — וואלטן מיר פון דעם באקומען אן איינשטיין...

דער פילאסאפישער חלק פון איינשטיינס ווערק איז דער שווערערער, ווייל בלויז דאס שווערע איז פילאסאפיש. מיר דעפינירן די פילאסאפיע ווי העכסטע אינטעלעקטועלע דיסציפלין וואס פארנעמט זיך מיט לעזן די שווערסטע אויפגאבן. דערזען עווידענטע דאטן און זיי אפשאצן — איז האבן שכל הישר. זוכן זיי ווען זיי זענען נישט עווידענט, און זיי געפינען, ווייל זיי זענען דא — איז מאכן וויסנשאפט. זוכן דעם אמת ווען עס פעלן די דאטן — איז א פילאסאפישע אויפגאבע. און דאס איז שווער. געפינען די ברילן — איז האבן שכל הישר. געפינען א כעמישע פארמולע — איז מאכן וויסנשאפט. באווייזן אז מיר האבן א נשמה, זי דעפינירן און אויפקלערן אירע פונקציעס — איז א פילאסאפישע אויפגאבע.

ווען עס פעלן דאטן, עקספערימענטירט דער וויסנשאפטלער כדי זיי צו געפינען. ווען דאס איז נישט מעגלעך, ווייל עס האנדלט זיך וועגן א טעאלאגישן, גייסטיקן, קאסמישן אדער אולטרא־מיקראסקאפישן ענין — איז דער וויסנשאפטלער אפהענטיק. דעמאלט קומט צו גיין דער פילאסאף און באנוצט דאטן פון אנדערע און ווייטערע געביטן, מיט די שכלדיקע רעסורסן פון דער אינטעלעקטועלער ספעקולאציע, וועלכע דערלויבט אים צו טראנספארטירן יענע ווייטע דאטן און זיי איבערפלאנצן אויף דעם דאזיקן נאענטן ענין, און אזוי ארום באקומט ער די אויפקלערונג גלייך ווי ער וואלט געווען געהאט אייגענע דירעקטע דאטן. דער וויסנשאפטלער מוז האבן אייגענע דאטן. דער פילאסאף — מוז נישט. ער ברענגט זיי פון הער ווייטנס. דער פילאסאף פאלט נאר דעמאלט דורך, ווען אזוינע דאטן זענען איבערהויפט נישטא. אויב זיי זענען נאר ערגעץ־ווו דא טראנספארטירט ער זיי פון יעדן פלאץ צו יעדן פלאץ. דער פילאסאף האט אויך גרענעצן; אבער זיינע גרענעצן זענען די אומענדלעכע גרענעצן פון דער וועלט. דאס איז די ראלע פונעם פילאסאף אין דער וויסנשאפט און מיט דער וויסנשאפט. דער פילאסאף אן דער וויסנשאפט, איז זיך בלויז משער. דער פילאסאף מיט וויסנשאפט — פארשטייט, באווייזט און קלערט אויף.

דעם פילאסאפס פארדינסטן געפינען זיך תמיד שוין אין דעם פרווו אין דער אנשטרענגונג, אין דער זוכעניש. אמאל — אויך אין די רעזולטאטן. אזוי ווי די פילאסאפישע אויפגאבן זענען בלויז די וועלכע עס איז שווער צו מאכן, זיינען זיי, דעריבער, אויך שווער נאכצופאלגן און שווער צו באווייזן. כדי זיי נאכצופאלגן, דערקענען, פארשטיין און באווייזן, מוז מען אליין אויך זיין א פילאסאף. אונדז זענען גענוג די אויגן כדי צו דערזען וואס דער וויסנשאפטלער האט ארבעטזאם און פלייסיק בייגעטראגן. כדי צו דערזען וואס דער פילאסאף האט בייגעטראגן, דינען אונדז נישט די אויגן, גענוגט אונדז נישט יעדער קאפ. דערצו דארף מען האבן זיין קאפ, כדי צו קענען דאס דערזען אזוי ווי ער... און עס איז שווערלעך צו טראכטן מיט יענעמס קאפ...

דערפון שטאמט די לעגענדע, אז בלויז געציילטע יחידי־סגולה פארשטייען איינשטיינען פולשטענדיק. כדי אים צו פארשטיין אינגאנצן, וואלט מען באדארפט אים נאכפאלגן איבער אלע פיליגראנען, וועגן און אומוועגן פון זיין געדאנקענגאנג, ביז מען זאל אנקומען צוזאמען מיט אים צו זיינע פארמולעס.


די „קדימה" - ביבליאטעק פארמאגט
די נייעסטע יידישע ביכער
און די
נייעסטע ענגלישע ביכער
וועגן יידישע פראבלעמען

אין לייען-זאל — צייטונגען
און זשורנאלן פון דער גאנצער וועלט

פון פאַרשידענער לענג און פרעקווענץ. ד. ה. מאַטעריע וואָס באַוועגט זיך וואַלן־פאָרמיק. די רייכע גאַמע פון די גריטוועגדיק מענטשלעכע רעאַקציעס, ד. ה., מעשים רצונים, פאָדערט אַ פּאַראַלעל־רייכע גאַמע פון פאַרשיידענע באַוווסטע געפילן, וואָס צעשטערט דעם אָביעקטיוו־עסענציעלן מאַניזם פון דער וועלט. די פינף פאַרשידענע חושים און די קוואַנטיטאַטיווע אונטערשידן (פון מער אָדער ווייניקער) צווישן די איינדרוקן וואָס זיי רעגיסטרירן, שאַפן ביים מענטש דאָס בילד פון א וועלט וואָס איז פול מיט מיליאָנען פאַרשידענע וועזנס און פאַרשידנאַרטיקע ענערגעטישע פאַסירונגען.

ווען דער מענטש וואָלט געווען איין אַטאָם און וואָלט געהאַט אַן אַטאָמישע פערצעפּציע, וואָלטן פאַר אים נישט עקזיסטירט קיין קאָלירן, קיין טעמים, קיין ריחות, קיין ליכט, קיין קולות; און, פאָלגלעך, קיין זאַכן, קיין געשעענישן, קיין זאָאָלאָגיע, קיין פיזיק, קיין כעמיע, קיין מעדיצין. עס וואָלטן פאַר אים בלויז עקזיסטירט אַנולירנדיקע אַטאָמען. אָבער, אַזוי ווי דער מענטש איז ווי ער איז, מוז זיין געפילס־וועלט און זיין פאָרשטעלונגס־וועלט זיין אַ מענטשלעכע, כדי זיך צו קענען קאָנסערווירן אינעם לעבן דורך זיינע מעשים.

דער שכל פון דעם אויבער־וויסנשאַפטלער־טעאָריקער זוכט כללים פאַר טויזנטער זאַכן און אַ סופּער־כלל פאַר אַלע כללים, כדי צו קענען פאַרשטיין, פאָרויסזען, שאַפן אָדער אויסמידן אַלץ, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט אַ מייסטער־שליסל צום עפענען טויזנטער פאַרמאַכטע שלעסער . . . אַזאַ שכל איגנאָרירט טאַקע בכיוון די דערמאָנטע כלומרשטע מענטשלעכעווירקלעכקייט און ער גייט צוריק צו איר אָביעקטיוון, נישט־מענטשלעכן מהות, וועלכער איז איר מאַטעריע־און־באַוועגונג־רעאַליטעט, וועלכע די וועלט איז אַן־און־פאַר־זיך (אָן דעם מענטש). דעמאָלט פאָרשט ער בלויז אין דער סטרוקטור פון דער מאַטעריע, כדי פעסטצושטעלן די געזעצן פון אירע באַוועגונגען, וועלכע זענען די פונדאַמענטאַלע עסענץ פון יעדער זאַך, וועמעס דערקענטעניש גיט דעם מענטש אַ קאָנטראָל.

אַזעלכע אויבער־וויסנשאַפטלערס זענען געווען דעמאָקריטוס, טהאַלעס, יוקליד, אַריסטאָטעלעס — אָן דאַטן, ווייל דעמאָלט האָבן נאָך נישט עקזיסטירט קיין וויסנשאַפטן, וועלכע זענען די איינציקע וואָס ליפערן זיכערע דאַטן וועגן אַלעמען. אַזעלכע זענען אויך געווען קאָפּערניק, דעקאַרט, לייבניץ, קעפּלער, גאַלילײ, ניוטאָן — מיט ווייניק דאַטן, ווייל די וויסנשאַפטן פון זייער צייט זענען נאָך געלעגן אין די וויקעלעך און האָבן בלויז „געשעפּטשעט” ווייניק דאַטן. אַזעלכע זענען געווען פאַראַדיי, ערסטעד, פּלאַנק, רוטהערפאָרד, פערמי, באָהר, דע־בראָגלי — מיט מער עמפּירישע דאַטן אַלס אַ באַזע. אַזעלכער איז אויך געווען איינשטיין. זיינע אידייען און פאָרמולעס גיבן אונדז א מאַטעמאַטישע באַשרייבונג פונעם אוניווערס. זיין באַשרייבונג איז גענויער ווי די פון גאַליליי און ניוטאָן, וועמעס גלייכליניקע, יוקלידישע אַבסאָלוטע (אָדער קלאַסישע) מעכאַניק האָט גענומען ווערן וואָס אַמאָל שוואַ־

כער, זינט דעם אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט, צוליב אַ צאָל עמפּירישע באַווייזן וואָס זענען אויפגעשוווּמען אַלס רעזולטאַט פון נייערע וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן און קאַלקולאַציעס.

איינשטיין האָט באַוויזן, אַז דער אמת פון די באַשטאַנד־טיילן פון יעדן „וואָס” פון יעדן „ווי אַזוי” איז אָפּהענגיק פון זייער צוזאַמענהאַנג מיט דעם רעפערענץ־סיסטעם. אין פשוטע ווערטער, אַז די מאַסע און די באַוועגונג פון יעדער מאַטעריעלער זאַך איז אָפּהענגיק פון די באַוועגונגס־באַדינגונגען פון יענעם גרויסן וועלט־קערפּער פון וועלכער די דאָזיקע זאַך איז אַ חלק. ווי אַ מסקנה קומט אויס, אַז דער מענטשלעכער אָדער ערדיש־לאָקאַלער אמת איז נישט דער איינציקער נאָר א רעלאַטיווער; אַז די מאַסע אינעם רוים און די באַוועגונג אין דער צייט בייטן זיך (אַלע פיר!), ווען עס בייט זיך דער פּלאַנעטאַרער רעפערענץ־סיסטעם פון דעם שטערן פון וועלכן מען זוכט דעם אמת.

איינשטיינס פאָרמולעס דערלויבן אונדז תמיד אויסצורעכענען די דאָזיקע ענדערונגען; זיי באַשטימען גענוי די ציפערן וועלכע מען דאַרף צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען פון יענע נומערן וועלכע מיר האָבן באַקומען דורך אונדזער דירעקטער באַאָבאַכטונג דאָ, כדי צו דערגרייכן אַזוי אַרום אַן אַבסאָלוטע נומערישע דערקענטעניש פון יענע בלויז רעלאַטיווע אמתן.

לויט איינשטיינען איז נישט אומבאַשטימט, אומזיכער, אָדער בלויז רעלאַטיוו דער אמת אַליין, בכבודו ובעצמו, נאָר די ערדיש־מענטשלעכע באַטראַכטונגען און אָבסערוואַציעס. נישט דער וועלטס זיין איז רעלאַטיוו, נאָר דער וועלטס זען, איז רעלאַטיוו. דעם אויגס טעות דאַרף די חכמה פאַרריכטן. דאָס וואָס עס פעלט, אָדער איז איבעריק, אין די וויסנשאַפטלעך־עמפּירישע דאַטן, דערגענצט איינשטיינס כישוף־פאָרמולע, די סוביעקטיוו־פעלערהאַפטע ציפּער־דאַטע ווערט דורך איר אָביעקטיוו־קאָרעקט. פאַר דער קאָרעקציע איז דער ציפער כלומרשט אמת — אָדער רעלאַטיוו; נאָך דער קאָרעקציע, ווערט דער אמת — אַבסאָלוט. איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע מאַכט נישט אַלע אמתן רעלאַטיוו און שאַקלדיק, נאָר להיפוך: ער פאַרריכט די פעלערן פון רעלאַטיוויטעט, אָדער די פעלערן פון דער מענטשלעכער באַטראַכטונג אויף דעם ערדישן קוק־פונקט. איינשטיין האָט נישט דאָס אַבסאָלוטע געמאַכט פאַר רעלאַטיוו, נאָר, אַזוי אַרום, רעלאַטיוו דערהויבן צו אַבסאָלוט.

די פילאָסאָפיע אַליין האָט נישט געגעבן קיין זיכערן נאָר אַ היפּאָטעטישן וויסן. פילאָסאָפן האָבן זיך בלויז משער געווען. די וויסנשאַפט אַליין איז נישט אַרונטערגעגאַנגען פון דעם אויבערפלאַך פון די חושים צו די אָביעקטיווע שטופן פון דער וועלט־אין־זיך. די באַשרענקטע נאַטור פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג און אירע שטאַרקע באַגרענעצונגען דורך צו קליין און צו ווייט (ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאַקראָקאָסמאָס און מיקראָקאָסמאָס), מאַכט אומפאַרמידלעך די הילף פון אַ שעפערישן געדאַנקען־איינפאַל וואָס זאָל דערלויבן צו טראַנספּאָרטירן און

שלום לאַקער

# וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע – איין קאָנטינואום

## (די לעגענדע איינשטיין און יידישע גאונות)

ווען ד״ר האַררי עמערסאָן פאַסדיק, דער באַקאַנטער באַפּטיסטישער פּאַסטאָר און פּרעדיקער, האָט אין יאָר 1949 געשריבן צו די וויכטיקסטע וויסנשאַפטסלייט פון דער וועלט און זיי געבעטן אָנצוגעבן 14 נעמען פון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער וויסנשאַפט פון אַלע צייטן, כדי אויסצוהאַקן זייערע פיגורן אין דער פּראָטעסטאַנטישער ריווערסייד־קירכע אין ניו־יאָרק, ווי אַ מזכרת עולם פון דעם איבערמענטשלעכן אינטעלעקט פון אַלע צייטן, האָבן די מערהייט פון די אונטערזוכטע אויטאָריטעטן (נישט אַלע) אַריינגעשריבן אין זייער ליסטע די נעמען פון: היפּאָקראַט, אַרכימעדעס, יוקליד, גאַלילײ און ניוטאָן. אָבער דער נאָמען פון אַלבערט איינשטיין האָט פיגורירט אויף אַלע ליסטעס. אַלבערט איינשטיין איז דעמאָלט אַלט געווען 70 יאָר. ער איז געווען דער איינציקער לעבעדיקער גאון אויף יענער שיינבאַר־„אָביעקטיווער” ליסטע, און דער צווייטער גרויסער ייד אין יענער „קריסטלעכער” קירכע — די אַממערסטן עלעגאַנטע פון דעם אינדזל מאַנהעטן.

איינשטיינס נאָמען סוגערירט וויסנשאַפט. זיינע געזעצן און פאָרמולעס זענען שוין היינט אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט קען זיי שוין; אַ סך וויסנשאַפטלערס — נאָך נישט. א סך גראַדואירטע פון די אוניווערסיטעטן טראַכטן, אַז איינשטיין איז געווען א „סוררעאַליסט” אין דער וויסנשאַפט און איז, דעריבער, אומפאַרשטענדלעך אָדער נישט צוגענגלעך פאַר די אַלע וועלכע זענען „רעאַליסטן”, אַזוי ווי זיי.

הגם עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז איינשטיין איז דער פאָטער פון דער אַטאָמישער באָמבע און פון דער גאַנצער מאָדערנער אַטאָמישער וויסנשאַפט; הגם ער האָט געשריבן און אונטערריכטעט אין פּרינסטאָן־אוניווערסיטעט אין משך פון אַ סך יאָרן; הגם ער האָט איבערגעלאָזן אַ סך תלמידים וועלכע פאַרשפּרייטן, פּאָפּולאַריזירן און דערקלערן זיינע טעאָריעס — פונדעסטוועגן, גייט ווײַטער אָן די אוניווערסאַלע לעגענדע, אַז די צאָל פון די וועלכע פאַרשטייען איינשטיינען דערגייט נישט ביז צו פינף.

פאַרוואָס?

אויב זיין לערע איז וויסנשאַפט — פאַרוואָס זאָל זי זיין אַזוי שווער? וויסנשאַפט איז אָפט זייער שווער צו מאַכן, אָבער וויסנשאַפט איז קיינמאָל נישט שווער צו וויסן. איז די פילאָסאָפיע שווער — פאַרוואָס־זשע האָט זי רעוואָלוציאָנירט אַלע וויסנשאַפטן? וואָרים, ווי באַקאַנט, זענען איינשטיינס אויפטוען דירעקט אָדער אומדירעקט אַריינגעדרונגען אין אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן. וועלן מיר קענען אויפקלערן זיינע ווערק אַפילו פאַר נישט־פאַכלייט, ווען פאַר פאַכלייט זענען זיי נאָך אַלץ נישט קלאָר? וועלן מיר אויך קענען ענטפערן אויף יענע פראַגן גענוג קלאָר און צופרידנשטעלנדיק?

מיר וועלן מאַכן אַן ערנסטן און גרינדלעכן פּרווו, קודם כל.

אויפכאַפּן און דערפילן אַלץ, איז דערקענען די וועלט, די וועלט איז די סומע פון אַלע זאַכן און אַלע געשעענישן. געשעענישן זענען ענדערונגען אין — אָדער מיט — די זאַכן. אויב עס ענדערט זיך גאָרנישט, פּאַסירט גאָרנישט. אויפכאַפּן זאַכן איז זיך אָפּגעבן אַ רעכנשאַפט וועגן זייערע אייגנשאַפטן. זאַכן זענען פאַרשידן, ווען זייערע אייגנשאַפטן זענען פאַרשידן. לויט אונדזער פאַרשידענער פילונג פון רויט, הייס און זיס, זענען די דריי אייגנשאַפטן פאַר אונדז וועזנטלעך פאַרשידן. אָבער עס איז א וויסנשאַפטלעכער פאַקט, אַז עסענציעל, דאָס הייסט, פאַר זיך, זענען זיי אַלע גלייך, ווייל אַלע דריי זענען וויבראַציעס. נאָר ווייל יעדע פון זיי רעגט אָן און סטימולירט פאַרשיידענע נערוון־פילאַמענטן פון אונדזערן אַ פאַרשידענעם חוש וועלכער איז אויף דעם עמפינדלעך, דעריבער קענען מיר זיי פילן פאַרשידנאַרטיק, ווייל מיר דאַרפן זיי פילן פאַרשידנאַרטיק, ווייל בלויז אַזוי איז נוצלעך אונדזער „וויסן” וואָס דאַרף אָריענטירן אונדזערע פאַרשידענע ווילנס־אַקטן, ווי נוצלעכע ענטפערס אויף די פראַגן פון אונדזער לעבן.

דער מענטשלעכער אַקט מיט זיס איז דאָך פאַרשידן ווי מיט הייס, ווייל זייער ווערט פאַרן לעבן איז דאָך אַ פאַרשידענער; טאָר דער מענטש זיי נישט פילן גלייכווערטיק.

די וויבראַציעס פון אַלע אייגנשאַפטן איז זייער קינעטישע נאַטור, אָדער באַוועגונגען. די דאָזיקע נאַטור איז אידענטיש אין אַלע. זייער נייטיקע נישט־אידענטישע דערפילונג דורכן מענטש, כדי זיי צו דערקענען, צו אונטערשיידן און נישט פאַרבייטן איינע מיט די אַנדערע, ווערט בלויז מעגלעך דורך דער פאַרשידענער נאַטור פון דעם מענטשנס חושים און געהירן־צעלן, וועלכע, ווי פאַרשידן־נאַטוריקע אויפנאַמס־אַפּאַראַטן. אונדזערע חושים זענען איבערטייטשערס. בלויז אַ דאַנק זיי געלינגט דעם מענטש צו דיווערסיפיצירן די איינקייט פון דער נאַטור. אַ דאַנק זיי ווערט פון דריי טיפן וויבראַציעס — דריי באַזונדערע פילונגען: רויט, הייס און זיס. א דאַנק זיי ווערט פון דער אָביעקטיווער וועלט־רעאַליטעט אַ סוביעקטיווע מענטשלעכע רעאַליטעט.

די סוביעקטיווע, אינערלעך־מענטשלעכע וועלט איז זייער פאַרשידנאַרטיק. די אָביעקטיווע, אויסערלעכע וועלט איז זייער איינפאַך. זי איז בלויז אַ צאָל מאַסעס פון וואַלן־פאַרמיקע קליינע קערפּערס (קאָרפּוסקלען), מיט כוואַליעס

שעוויסעס. אין די צוויי־און־צוואַנציק מיניאַטורנע עסייען פון זיין ספרל באַמיט זיך סאַפּאָזשניקאָוו צו באַשטעטיקן די השערה. אָט איז, צום ביישפּיל, אַן אַריינבליק אין בלויז עטלעכע פון זיינע ביכער.

„דער שטן אין גאָריי" איז געווען באַשעוויסעס תחילותדיק ווערק, און ער האָט זיך באַלד קונה־שם געווען ווי אַ פּרעכטיקער דערציילער. נישט אומזיסט שטעלט זיך סאַפּאָזשניקאָוו אָפּ אויף דעם אין עטלעכע קאַפּיטלען און דרינגט אין אים אַריין גענויער. ס׳איז אין מיטן זיבעצנטן יאָרהונדערט, תיכף נאָך גזירות ת״ח ות״ט. אַ פינצטערע און ביטערע צייט פאַר ייִדן אין פּוילן און אוקראַינע, און גאָריי ווערט איינגעהילט אין שוואַרצע שאָטנס און ווערט אַ שלאַכטפעלד אין דעם קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן דעם שטרעבן צו דערגרייכן די גאולה דורך כולו זכאי (אין גאַנצן גערעכט) און כולו חייב (אין גאַנצן שולדיק). גאָריי דרייט זיך אַריין מיט גדליהן, דער אַפּאָסטאָל פון כולו חייב, אין אַ טאַנץ פון אויסגעלאַסנקייט און זנות. אָבער „גאָריי האָט געדינט דעם שטן אויס ליבע צו גאָט". דער זומפּ פון טומאה, דאָס שכרות פון כולו חייב, איז די ממשלה — פון שטן, ווי עס ווייס ר׳ בייניש אשכנזי, דער טראַגישער און לויטערער רב, און איז קיינמאָל נישט אַ פאָרבאַדינג פאַר קדושה, פאַר אויסלייזונג. גאָריי פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דעם גרויליקן טאַנץ, ניכטערט זיך אויס פון דעם שכרות, און ס׳איז אַ צוריקקער צו דער ייִדישקייט, וואָס איז געווען פאַר גזירות ת״ח ות״ט. דאָס ליכט פון טראַדיציע, פון דעם נר־תמיד, האָט געצאַנקט, אָבער ס׳איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן...

„דער קונצנמאַכער פון לובלין" איז שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ס׳איז וועגן אַ יחיד און נישט וועגן אַ געמיינדע. ער יאָגט זיך נאָך פאַרגעניגנס און מיינט אַז די וועלט איז אַ צירק. אין אַ קריטישן מאָמענט ווען די שליטה פון תאווה און זינד איבער אים איז אַזוי מעכטיק אַז ער באַגייט כמעט אַ מאָרד, ציטערט ער אויף מיט פחד פאַר זיך אַליין, פאַרן זומפּ אין זיין נשמה, און עס וואַכט אין אים אויף אַ זיס־ביטערער באַגער צו צערייסן די קייטן פון זינד. ער פאַרמויערט זיך אין אַ קליינעם טורעם מיט אַ פענצטערל, אָבער אָן אַ טיר, אָפּצוזונדערן זיך פון דעם יצר־הרע, פון די תאוות וואָס לאָקן אים. דאָס איז זיין נצחון איבערן יצר־הרע, דאָס איז זיין תשובה, דאָס איז זיין צוריקקער.

דער דיכטער און קריטיקער א. טאַבאַטשניק האָט געשריבן: ...„באַשעוויס, וועמעס דערציילונגען לייענען זיך אָפט ווי די פיינסטע פּאָעזיע"... ווי עס זאָל נישט זיין, איז עס אַוודאי חל אויף דעם ראָמאַן, וואָס איז אפשר זיין מייסטערווערק, „דער קנעכט". ס׳איז פּאָעזיע אין פּראָזע, מיט אַ בילדערישקייט פון דער נאַטור און מעלאָדישקייט פון לשון וואָס באַצויבערן. סאיז טיף אין מחשבה, דראַמאַטיש אין סיפור־המעשה, און די ליכטיקע און ליידנדיקע און געבענטשטע געשטאַלטן יעקב און וואַנדאַ־שרה וועלן פאַרבלייבן אויף תמיד אין דער ייִדישער ליטעראַטור און די אַטמאָספער פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, מיטן שרעק און שוידער פון גזירות ת״ח ות״ט און די בהלות נאָכדעם, ווערט אַרומרינגלען וועלכע ס׳איז היסטאָרישע כראָניק. יעקב וועלכער איז פאַרקויפט געוואָרן ווי אַ קנעכט אין ווייטן פּוילן, צווישן די פּרימיטיווסטע פּויערן, און איז אויסגעקויפט געוואָרן פּסח (ווי סימבאָליש) און גנבעט זיך אַריין צוריק שבועות (ווידער, ווי סימבאָליש) אויף מיטצונעמען וואַנדאַ, וואָס איר נאָמען ווערט איצט זיין שרה, פאַרפּלאָנטערט זיך נאָך איר טויט אין דעם נעץ פון שבתי צביס משיחיזם. ער וואַנדערט קיין ארץ ישראל, אינעם לאַנד פון ייִדישער אייביקייט, און דאָרטן באַפרייט ער זיך פון דעם פאַלשן משיחיזם, און איז גרייט אויף זיין צוריקקער: פיזיש — קיין פּוילן, גייסטיק — צו דער ייִדישקייט וואָס איז געווען פאַר די גזירות און פאַר שבתי צבי.

ס׳איז מיר אַ חידוש וואָס „דער קנעכט" זעט זיך נישט אָן פּראָמינענט אין סאַפּאָזשניקאָווס ספרל, איז איבערגעהיפּערט אין זיין אַנאַליטישן אַריינבליק, ווי אויך „דער הויף", אַ צוויי־בענדיקער ראָמאַן, וואָס די ערשטע העלפט איז אַ ווערק פון עפּישן פאַרנעם, אויף אַ ברייטער קאַנווע. „דער הויף" שפּיגלט אָפּ דעם פאַנאַנדערפאַל און צעברעקלונג — דורך דער אינפילטראַציע פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע — פון אַן איינצלנער און איינציק אַרטיקער משפּחה סוף ניינצנטן יאָרהונדערט. אויך דאָ איז אַ צוריקקער: דער צוריקקער פון קלמן יעקב וואָס איז געוואָרן דער באַלעבאָס פון פּריצישן הויף, צום שטעטל מיט די פּשוטע און קרעפטיקע ייִדן — אַ צוריקקער פון דער געצנדינערישער וועלט דאָרטן צוריק צום שטעטל, צו רואיקייט פון געמיט און שלווה.

— 3 —

סאַפּאָזשניקאָווס מאָנאָגראַפיע איז אַ „לויב־געזאַנג" פאַרן קינסטלער יצחק באַשעוויס זינגער. ס׳איז אַן אַנאַליטישער און פּאָזיטיווער אַריינבליק. ער לייענט אים אָבער נישט מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז מודה: „נישט אַלץ וואָס ער שרייבט איז אונדז צום האַרצן... ער שילדערט פאַר אונדז אָבער דעם כאַאָס וואָס הערשט אין דער וועלט, דעם אַנגסט וואָס האָט באַהערשט דעם מאָדערנעם וועלטלעכן ייִד... אַ גרויסער טייל פון זיינע העלדן ווייקן זיך אין דער טומאה און אויב זיי זינקען נישט איבערן קאָפּ אין איר, איז דאָס נאָר אַ דאַנק זייער ייִדישער ירושה. און דאָס איז דער תיקון פאַר דער „קראַנקהייט פון אונדזער יאָרהונדערט" וועלכן דער קינסטלער פון זינד און תשובה זעט אין דער אויפלעבונג פון די ייִדישע מאָראַלישע ווערטן... ער איז אַ מאָראַלישער שרייבער".

סאַפּאָזשניקאָווס ספרל פאַרמאָגט צוויי מעלות: ראשית, ס׳איז נישט בלויז אַן אַנאַליטישער, נאָר אויך אַ סינטעטישער און פּאָזיטיווער אַריינבליק אינעם לעבן און ווערק פון אַ גרויסן קינסטלער; שנית, ס׳איז אַליין אַ צושטייער צו דער ייִדישער ליטעראַטור. אַ מוסטער פון שעפערישער קריטיק וואָס שיינט מיט אירע אייגענע ווערטן.

---

ד״ר עזריאל נאַקס

# יצחק באַשעוויס־זינגער — דער מאָראַליסט

דער ערשטער נאָבעל־לאַורעאַט אין דער יידישער ליטעראַטור, יצחק באַשעוויס זינגער, איז היי־יאָר אַלט געוואָרן 80 יאָר. צו דער געלעגנהייט ברענגען מיר די אַרבעט פון ד״ר ע. נאַקס.

**גרשון סאַפּאָזשניקאָוו: יצחק באַשעוויס זינגער — דער קינסטלער פון זינד און תשובה.**

— 1 —

פאַראַן אין ענגליש אַ שפע ביכער וועגן יצחק באַשעוויס זינגער, אָבער אין יידיש — אויף וויפל מיר איז באַקאַנט — איז גרשון סאַפּאָזשניקאָווס ספרל די איינציקע לענגערע מאָנאָגראַפיע. עס זענען פאַראַן רעצענזיעס וועגן איינצלנע ביכער, און געוויסע רעצענזיעס לאָזן זיך אַפילו באַצייכענען ווי עסייען, אָבער עס פעלן אַרומנעמיקע אָפּהאַנדלונגען. הגם באַשעוויסעס ווערק ווערן קודם געדרוקט אין „פאָרווערטס“, דערשיינען זיי אָבער ווי ביכער דווקא אין ענגלישער איבערזעצונג און נאָר געציילטע אין יידיש. און דאָס איז אַן אבידה סיי פאַר אונדזער ליטעראַטור און סיי פאַר יידיש ווי אַ שפּראַך. באַשעוויסעס יידיש איז אַליין פאַר זיך אַ טייערער אוצר. ס'איז פאַראַן אין דעם דער יחוס פון דורות, דער אַראָמאַט פון אַרכאַאישקייט, דער חן פון פאָלקסטימלעכקייט. ער ריכט פאַר אונדז אויף דאָס לשון פון לומדים, וואָס מיר הערן ווייניק, די שפּילעוודיקע ווערטער פון קינדער אין חדר און גאַס, וואָס דאָס איז היינט גאָר אַ זעלטנקייט, און די שפּראַך פון פשוטע יידן, אַזעלכע ווי אין זיין טאַטנס בית־דין שטוב, וואָס האָט שוין נישט די אַמאָליקע קראַפט און תמימות.

די ענגלישע איבערזעצונגען פון באַשעוויסעס דערציילונגען און ראָמאַנען זענען געראָטענע. אָבער ס'איז אַזוי ווי גימפל תם'ס רעיון אַז „די וועלט איז טאַקע אַן עולם השקר, אָבער זי איז איין טריט פון דער אמתער וועלט“. די איבערזעצונגען זענען נישט קיין שקר (ליגן), אָבער אויך נישט קיין קשר (פאַרבינדונג) מיט דער אמתער וועלט — מיט איר שטייגער און אַטמאָספער — פון די זיידעס און באָבעס, און איז מער ווי איין טריט פון איר. און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער אינהאַלט און געמיט פון זיינע ווערק.

סאַפּאָזשניקאָווס אינטערעס אין באַשעוויסעס שאַפן איז אַ לאַנג־יאָריקער. אַ פריערדיקער נוסח פון דער מאָנאָגראַפיע איז דאָ אין זיין בוך „שרייבער און ווערק אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז“, וואָס איז אַרויס אין 1969, און האָט געהייסן „יצחק באַשעוויס — דער קינסטלער פון אַ ליידנדיקער וועלט“. דער איצטיקער וואַריאַנט האָט אַן אַנדער נאָמען: „יצחק באַשעוויס זינגער — דער קינסטלער פון זינד און תשובה“. און ס'איז פאַראַן אַן אונטערקעפּל: „אַנאַליטישער אַריינבליק אין לעבן און שאַפן פון ערשטן נאָבעל־לאַורעאַט אין דער יידישער ליטעראַטור“. דער אונטערשייד איז אַ וויכטיקער, און ס'איז גוט וואָס ער האָט געביטן דעם סובסטאַנטיוו „פּסיכאָאַנאַליז“ אויף דער פראַזע „אַנאַליטישער אַריינבליק“.

סאַפּאָזשניקאָוו איז אַ קריטיקער מיט אימפּאָזאַנטער באַהאַוונטקייט אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, און מיט אומגעהייערן וויסן אין פּסיכאָאַנאַליז. ער באַנוצט זיך לגמרי נישט מיט פּסיכאָאַנאַליז ווי מיט אַ דרויסנדיקן מיטל אויף צו אויפקלערן און שאַצן ליטעראַטור. ס'איז ביי אים נישט קיין דאָגמע אין קאָפּ, נאָר אַ לאַמטערן אין דער האַנט אויף צו באַלייכטן דעם וועג. ער איז דער האַר איבער דער טעאָריע און נישט איר קנעכט. זיין ספרל איז טאַקע אַן אַנאַליטישער אַריינבליק און נישט קיין „שיעור“ אין פּסיכאָאַנאַליז. ס'איז שכל און דמיון, און עס קריסטאַליזירט זיך אַ פּאָרטרעט פונעם לעבן און שאַפן פון דעם קינסטלער, און עס לייענט זיך מחיהדיק און פאַרכאַפּנדיק, מחמת דעם ליריש־פּאָעטישן סטיל און דער סובטעלער און דאָך קלאָרער מחשבה.

מען מעג זיך דינגען וועגן דער פּראָפּאָרציע פון זינד און תשובה אין באַשעוויסעס דערציילונגען און ראָמאַנען, אין די מעשים און הנהגה פון זיינע העלדן. פאַראַן אַזעלכע וועלכע טענהן אַז עס באַקומט זיך אַן אומעכט און מרה־שחורהדיק בילד פון יידיש לעבן אין פּוילן און אַז די תשובה צום סוף פון דער מעשה איז לגבי דעם בלאָס און אָן האַפט; און עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז די זינד טראָגט אין זיך אירע אייגענע אומפאַרמיידלעכע שטראָף און אַז די תשובה איז ממעמקים, פון די טיפענישן, און איז אַ צוריקקער צום דרך־הישר. מען מעג זיך וועגן דעם דינגען, אָבער ס'איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז זינד און תשובה אויף אַלערליי מדרגות זענען די עצמדיקע טעמע פון באַשעוויסעס ווערק און זענען גורם געראַנגל אין די נשמות פון זיינע העלדן — געראַנגל און אַ בענקשאַפט, דורך צווייפל און צער, צו אמונה און אַ תיקון.

— 2 —

צי דער צוריקקער צו דעם וואָס איז געווען, אָן ענדערונגען, אָן אַ נייעם ניגון, הגם בהסכם מיט טראַדיציע — צי דאָס איז די ראַיעלע תשובה און די פולע היילונג, איז אַ גורלדיקע פראַגע און ס'איז דערווייל נישטאָ אויף איר קיין גרינגער ענטפער. ס'איז אָבער פאַראַן אין דער יידישער וועלט־וויזיע און לעבנס־באַנעם גייסטיקע דערהויבנקייט, עיקרדיקע עטישע פּרינציפּן און אַ קאָנקרעטע דיסציפּלין, אַזוי אַז ס'איז כדאי זיך צו פאַרמעסטן אויף אַ צוריקקער. אַט־אָ־די נסיעה: אָפּנייג און צוריקקער, און די געשעענישן אין צווישן; אַט־דאָס איז דער ריטעם און אַנטוויקלונג פון דעם סיפור־המעשה אין מערסטע ווערק באַ־

פאַדען און שלום־עליכם, און דער עולם האָט זיי זייער ענטוזיאַסטיש אויפגענומען.

אגב, גיבן די „שמוליקלעך" אָט די פאָרשטעלונג יעדן שבת־אָונט אין תל־אביב און אין די אַנדערע טעג אין אַלע ערטער, שטעט און קיבוצים, און אומעטום מיט גרויס דערפאָלג. ראַדענסקי אין זיין ראָל פון טביה איז אויסערגעוויינלעך, און עס שטייען נישט אָפּ דער „יונגער" שמואל עצמון און דער פול מיט הומאָר שמואל סעגאַל.

## „די רעוואָלוציאָנערן פון יידיש לאַנד"

„בית התפוצות" — דאָס איז דער תל־אביבער „יד־ושם", וואָס געפינט זיך אין ירושלים. הגם לכתחילה געווידמעט דער שטודיע פון די יידישע ישובים אין די גלות־לענדער, איז צוליב דעם וואָס די מערהייט פון אָט די ישובים זענען אונטערגעגאַנגען בעתן היטלער־חורבן, ווערט דער „בית־התפוצות" פאַרוואַנדלט אין אן איינדרוקספולן חורבן־מוזעאום. יעדער איינער דערקענט דאָרטן זיינע יידן און אויך איך האָב דערקענט מיינע.

עס איז דאָרטן געוויזן געוואָרן אַ יידיש־פראַנצויזישער פילם א"נ „די רעוואָלוציאָנערן פון יידיש לאַנד". געמאַכט אין פראַנקרייך, איז עס די געשיכטע פון יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק, זיינע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס און דעם צעשטערערישן איינפלוס פון קאָמוניזם.

פון „בונד" ווערן אין פילם געוויזן שלום הערץ און יאָסל מלאָטעק (אין יידיש) און אַלעקסאַנדער ערליך (אין ענגליש). פון קאָמוניסטישן לאַגער: הערש סמאָלאַר, אסתר שניידערמאַן־ראָזענטאַל און משה זאַלצמאַן. דער לעצטער איז היינט אין פאַריז אַן אַקטיווער טוער פון מפ"ם. ער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן בעלאַ שאַפּיראָ פון לובלין.

שלום הערץ האָט דערציילט וועגן די פרוּוון פון די קאָמוניסטן צו שפּאַלטן דעם „בונד" אין יאָר 1921; ער דערמאָנט די דעלעגאַציע פון „בונד" צום דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן: וויקטאָר אַלטער און אים. ער האָט פאַרגעסן אָפּנים דעם דעלעגאַט חיים וואַסער, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פאָרשטייער פון דער לינקער מערהייט אינעם צ. ק. פון „בונד". די פאַרטיי האָט זיך ביסלעכוויז באַפרייט פון די קאָמוניסטישע איינפלוסן בעת דער „קאָמבונד" האָט פאַרלאָזט די פאַרטיי און זיך אויפגעלייזט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן.

יאָסל מלאָטעק האָט דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט, ווען זיינער אַ ברודער, וועלכער איז געהאַט געווען אַ בונדיסט און אַריבערגייענדיק צו די קאָמוניסטן, האָט אים „פייערלעך" דערקלערט: „ביסט נישט מער מיין ברודער"... י. מלאָטעק האָט עס געברענגט ווי אַ ביישפּיל אויף ווי וויט די פאַרטייאישע פאַרביסנקייט האָט פאַרכאַפּט די מוחות פון דער יידישער יוגנט.

און אַלעקסאַנדער ערליך האָט דערציילט די טראַגישע געשיכטע ווי דער סאָוועטישער רעזשים, סטאַלין און בעריאַ, האָבן אומגעבראַכט די צוויי נאָבעלע יידישע סאָציאַליסטן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. אַרויסנאַרנדיק זיי שפּעט אין אָונט פון אַ רעסטאָראַן אין קויבישעוו, זענען זיי אויף אייביק פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט. „זיי זענען קיין מאָל נישט צוריקגעקומען" — האָט מיט אַ צעבראָכענער שטימע פאַרענדיקט זיין וואָרט אַלעקסאַנדער ערליך.

עס זענען דאָ אויפגעטרעטן: הערש סמאָלאַר, אסתר שניידערמאַן־ראָזענטאַל און משה זאַלצמאַן, וועלכע האָבן זייער רירנדיק דערציילט וועגן זייער אַנטוישונג אין דעם קאָמוניזם, די אידיי פאַר וועלכער זיי האָבן אַוועקגעגעבן די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן און ליידן.

אין זאַל הינטער מיר איז געזעסן הערש סמאָליאַר און זיך צוגעקוקט צו זיין אייגן בילד. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק זיך פאַר אים פאָרצושטעלן...

עס האָבן נאָך גערעדט אייניקע פראַנצויזיש־יידישע קאָמוניסטן, אָבער זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש און איך קען נישט איבערגעבן וואָס זיי האָבן געזאָגט.

אָט דער פילם איז נאָר אַ טייל פון יידיש פּראָגראַמען אין „בית־התפוצות". עס איז שוין למשל, געוויזן געוואָרן דער „פילם פון דער מעדזשע־סאַנאַטאָריע", מיט אַן אַריינפיר פון יצחק לודען.

## דער נס פון אוישוויץ...

אַרויסגייענדיק פון דאָרטן, האָב איך געטראָפן אַ יונגע שיינע פרוי מיט אַ נומער אויף דער האַנט. ווען איך האָב געקוקט אויף איר יונגן שיינעם פנים און דעם נומער פון אוישוויץ, האָב איך שנעל אַ טראַכט געטאָן: ווי אַלט איז די פרוי, אויב דעם נומער האָט זי געקאָנט קריגן מיט פערציק יאָר צוריק. איך האָב אָנגענומען זיך מוט און איר געפרעגט ווי אַלט זי איז, און דער ענטפער איז געווען:

— זעקס יאָר בין איך אַלט געווען ווען מ'האָט מיר אויסטאַטואירט דעם נומער אין אוישוויץ...

און זי איז געבליבן לעבן. שוין אין בליענדיק אַרבעט די אונגאַריש־יידישע פרוי אַלס פריוויליקע מיטאַרבעטערין אין „בית התפוצות". איר נאָמען איז דאַניעלאַ ראָזענבוים און וווינט אין גבעתיים. געבענטשט זאָל זי זיין.

---

### יאָני פיין

צווישן פאַרגעסן און געדענקען
בלייב איך פאַרגאַפּט ערגעץ שטיין,
כ'בין אַ שוועל אָן אַ טיר,
אַ וואָרט, וואָס וויל ווייטער פון ווערטער דערגיין.

וואָס איך האָב איינגעאָטעמט,
איז מיינס קיין מאָל ניט געוואָרן,
איך האָב בלויז פאַרוואַנדלט
שטומע לופט אין פאַרקלונגענע יאָרן.

טאָר־אַרויסגעבער פון די „לעצטע נייעס", מרדכי צאַנין; ערן־סעקרעטאַר: דוד שטאָקפיש.

אין זיין אַריינפיר־וואָרט האָט מ. צאַנין, צווישן אַנדערן געזאָגט: „אין דער מיט פון דעם קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור און אַפּהענטיקייט פון יידישע שרייבער, דערשיינען פון דעסטוועגן היינט מער ביכער — בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, עסייאיסטיק א. א. — ווי עס פלעגן דערשיינען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה"... אָבער צאַנין האָט אויך נישט פאַרשוויגן די עוולה וואָס עס ווערט געטאָן דער יידישער שרייבער אָרגאַניזאַציע מצד די אָפּיציעלע מלוכהשע קולטור־פאָנדן, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו שטיצן דעם יידישן שרייבער פאַראיין. די איינציקע הילף וועלכע ער קריגט, איז פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און אויך פון דער שנור פון ה. לייוויק — אידאַ לייוויק.

במשך דער באַריכט־צייט זענען פאָרגעקומען 104 קולטור־אונטערנעמונגען (יעדן מאָנטיק), דאָס הייסט, אַז עס איז נישט אַדורך קיין איין וואָך אָן א קולטור־אונטערנעמונג פון וועלכן עס איז כאַראַקטער.

מען דאַרף דערמאָנען די פאַרשידענע יידישע פאַרשטעלונגען און קאָנצערטן וועלכע קומען פאָר אין די שבת־אָונטן.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ פיל שטאַרקערע קולטור־טעטיקייט ווי עס האָט געפירט דער א מאָל באַרימטער שרייבער פאַראיין — „טלאָמאַצקע 13".

יעדן פרייטיק פאַר מיטאָג קומט זיך צוזאַמען דער עקזעקוטיוו און מען באַהאַנדלט די לויפנדיקע ענינים פון פאַראיין, און שרייבער קומען און גייען, מען טרינקט אַ גלעזל טיי (צו פיל צו עסן קריגט מען נישט דאָרטן) און מען קיבעצט וועגן ליטעראַרישע ענינים אָדער וועגן מדינה־געשעענישן וועלכע זענען שטענדיק פאַראַן איבער גענוג.

דער פאַראיין העלפט שרייבער אַרויסגעבן זייערע ביכער און האָט פאַר דער באַריכט־צייט אַרויסגעגעבן מיט זיין עמבלעם 16 ציכער. גאָר נישט קיין שלעכטער בילאַנס.

ווען מען נעמט אין אַכט, אַז אין ישראל איז פאַראַן נאָר איין טעגלעכע יידישע ציטונג, די „לעצטע נייעס" און איניקע זשורנאַלן — די „לעבנס־פראַגן" (בונד), „ישראל־שטימע" (מפ"ם), איניקע פעריאָדישע זשורנאַלן: „פאָלק און ציון", די אַנאַרכיסטישע „פראָבלעמען" — איז די צאָל יידישע שרייבער אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. אַ גרויסער טייל זענען ניי־געקומענע פון סאָוויעט־רוסלאַנד, על־פּי־נס לעבן־געבליבענע פון דער סטאַלין־אינקוויזיציע. אָבער עס קומען אויך אָן פעץ־מענטשן און יידישע קולטור־טוער פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך א גוטן באַגאַזש פון יידיש־קענטעניש און ליבע פאַר יידיש, זיי זענען מערסטנס די איינערלעכע מיטאַרבעטער פון די „לעצטע נייעס", אָדער נאָענטע מיטאַרבעטער פון ראַט פאַר יידישער קולטור. איך דערמאָן נישט טייל נעמען וועלכע איך געדענק, כדי נישט צו פאַרשעמען די וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

יידישע שרייבער זענען אויך באַשעפטיקט אַלס איבערזעצער, רעדאַקטאָרן אָדער קאָרעקטאָרן פון ביכער, וועלכע ווערן געדרוקט אין ישראל, הגם די מחברים וווינען אין אַנדערע לענדער (ווי למשל חוה ראָזענפאַרבס בוך „באַטשאַני", וואָס איז דאָרט דערשינען, הגם זי וואוינט אין מאָנטרעאָל).

## די יידישע פאַרלאַגן

א חוץ דעם ראַט פאַר יידיש און דעם שרייבער פאַראיין, זענען נאָך פאַראַן אַנדערע פאַרלאַגן: י. ל. פרץ־פאַרלאַג, די ישראל שטימע, וועלכע גיבן אַרויס יידישע ביכער. געוויס הייסט דאָס נישט, אַז מען צעכאַפּט די ביכער באַלד ווי זיי דערשיינען. אָבער נאָך אַ צייט טרעפן זיי צו יידיש לייענער אין לאַנד און אויסלאַנד.

## קאַלישער 48

אַ גוטער יידישער אַדרעס איז דער בונדישער לאָקאַל אויף קאַלישער 48. אויך ער האָט אַ זאַל פאַר פאַרלעזונגען און עס קומען דאָ פאָר לעקציעס און פאַרזאַמלונגען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. איינער פון די שטאָם־געסט דאָרטן איז דער באַקאַנטער און נאָך גוט־שאַפנדיקער דיכטער יוסף פּאַפּירניקאָוו, וועלכער לאָזט נישט אַדורך אַ טאָג ער זאָל נישט קומען אין דעם לאָקאַל צו זיין טראַדיציאָנעלן גלעזל טיי. מ'זעט דאָרט אויך שרייבער פון רוסלאַנד (חיים מאַלטינסקי, למשל), און דער עיקר — לייענער פון יידישע ביכער, וועלכע קומען טעגלעך טוישן ביכער צום לייענען. אַז מען לייענט די ביכער קען מען זען פון זייער אָפּגענוצטקייט.

## דער מאַנגער פּרייז

דאָס פאַנאַנדערטיילן די פּרעמיע א"נ איציק מאַנגער איז די גרעסטע יידיש־אַטראַקציע פון יאָר. היי־יאָר איז די פאָרגעקומען אין זאַל פון תל־אביבער מוזעאום און, ווי געוויינלעך, צוגעצויגן, אַ פול־געפּאַקטן זאַל. פאַרזיצער איז געווען שלום ראָזענפעלד, ס'האָט באַגריסט דער פּרעזידענט הערצאָג. אינטערעסאַנט — אין נאָמען פון העברעאישן שרייבער־פאַראיין האָט באַגריסט די דיכטערין רבקה מרים, און גערעדט האָט זי יידיש. אפשר אַ סענסאַציע. רבקה מרים איז די טאָכטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם חורבן־שרייבער לייב ראָכמאַן און איר אַרויסטריט האָט אַרויסגערופן שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

די פּרעמירטע שרייבער דאָס מאָל: שמואל איזבאַן, לייזער פּאָדריאַטשיק, רבקה באַסמאַן, יאָסל לערנער, אלכסנדר שפּיגלבלאַט.

דעם אָוונט האָבן באַשיינט די „דריי שמוליקלעך" — שמואל ראָדענסקי, שמואל סעגאַל און שמואל עצמון — וועלכע האָבן געגעבן אַ פראַגמענט פון זייער לעצטן פּראָגראַם, א"נ „דאָס רעדל דרייט זיך", געשטיצט אויף גאָלד־

הערשל באַכראַך

# וועגן יידיש אין ישראל

באַלד צום אָנהויב אַ שטיקל וואָרענונג: זאָל דער לייענער נישט מיינען, אַז איך גיי אים ברענגען ישועות ונחמות וועגן יידיש אין ישראל; אַז די ישראל־רעגירונג האָט באַשלאָסן איינצופירן יידיש אין אַלע שולן, פון אונטן ביז אויבן; אָדער אַז יידיש איז געוואָרן אָנערקענט לפחות ווי אַ צווייטע יידישע שפּראַך אין דעם יידישן לאַנד.

ווייט פון דעם. אָבער איך וויל ברענגען א גרוס פון דעם היפּשן יידיש־אינדזל וואָס עקזיסטירט גאַנץ ערנסט אין לאַנד. ער לאָזט זיך אָנזען און געווינט אָנערקענונג, טייל מאָל פון די אָפיציעלע קרייזן.

די יידישע באַפעלקערונג אין מדינת־ישראל איז אַ פיל־שפּראַכיקע, נישט בלויז עברית ווערט גערעדט אין ישראל. יידן רעדן אויף אַלע לשונות פון וואַנען זיי שטאַמען. פאַראַן אַפילו צייטונגען — פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע, דייטשע א. א. אָבער יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אויסער די העברעאישע זענען פאַראַן נאָר אין יידיש.

## דער ראַט פאַר יידישער קולטור

אין דער ערשטער ריי רוקט זיך אַרויס דער קאָנגרעס פאַר יידיש און יידישער קולטור. זיין הויפּט־נערוו איז יצחק קאָרן. ער איז אַן ענערגישער מענטש און זיין ביוראָ פירט ער שיעור נישט ווי אַ מיניסטער. (נישט אומזיסט איז ער געווען א מיטגליד אין דער כנסת פון דער מפא״י ווייכטונג). ער האָט ארום זיך אַ היפּשע גרופּע איבערגעגעבענע יידיש־טוער, וועלכע מיינען אויפריכטיק צו טוען אַלץ מעגלעכס פאַר דער אויפהאַלטונג פון יידיש און די יידישע קולשור אין מדינת ישראל.

ער גיט אַרויס די זייער ערנסטע ליטעראַרישע צייטשריפט א״נ „ביי זיך״, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל שרייבער פון ישראל און פון חוץ־לארץ. זי ווערט רעדאַגירט פון דעם זייער גוטן און טאַלאַנטירטן עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער יצחק יאַנאָסאָוויטש. לויט איר ערנסטקייט און ריינקייט דערמאָנט זי זייער שטאַרק די „גאָלדענע קייט״ אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם סוצקעווער. אָבער „ביי זיך״ איז אַ ביסל לייכטער, און דאָס איז גוט. די „גאָלדענע קייט״ איז צו האַמעטנע און איז גיכער באַשטימט פאַר — שרייבער, נישט פאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער. „ביי זיך״ איז מער פּאָפּולער און לויט מיין געשמאַק, מער צוגעפּאַסט פאַר דעם יידיש־לייענער.

איך קען נישט זאָגן וויפיל לייענער אין לאַנד לייענען „ביי זיך״, אָבער דער זשורנאַל ברענגט כבוד דעם ראַט פאַר יידישע קולטור און זיין רעדאַקטאָר. דער זעלבער ראַט גיט אויך אַרויס אַ חודש־זשורנאַל א״נ „יידיש־וועלט״, ווידער אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק יאַנאָסאָוויטש און סעקרעטאַר מאָטל סאַקציער. עס איז אַן ערנסטע אויסגאַבע פון 12 אָדער 16 זייטן, וועלכע ברענגט אויך אינפאָרמאַציעס פון יידישן קולטור־לעבן אין די תפוצות.

אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט טוט דער „ראַט פאַר יידיש״ אַ היפּשע אַרבעט. ער אָרגאַניזירט אינטערווענצן אין פאַרשידענע אינסטאַנצן און לערן־אַנשטאַלטן מיט דער אידיי פון שאַפן און אויסבילדן יידיש־לערער פאַרן לאַנד און אויך פאַר אויסלאַנד. ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד. ער האָט אָרגאַניזירט א „וואָך פון יידישן בוך״ אין פינף שטעט: תל־אביב, חיפה, ירושלים, נתניה און באר־שבע. איך בין נישט אין שטאַנד צו זאָגן ווי גוט עס האָט זיך איינגעגעבן דער דאָזיקער ביכער־אויספאַרקויף, אָבער איך בין אָנגעקומען צום סוף פון דער אויסשטעלונג און באַוויזן „אַריינצוכאַפּן״ העכער אַכציק ביכער פאַר דער מעלבורנער „קדימה״־ביבליאָטעק צו גאַנץ ביליקע פּרייזן.

איך ווייס אַז עס זענען פאַראַן טייל יידישע קרייזן אין לאַנד און אויסלאַנד, וועלכע האָבן טענות צום ראַט, אַז ער טוט ווייניק און ווייניק אויפגעטאָן. קריטיקירן קען מען, אָבער טוען איז שווערער.

## דער שרייבער פאַראיין „לייוויק־הויז״

פאַראַן אַ ליטעראַטן־פאַראיין פון יידיש־שרייבער אין ישראל. ער פאַרמאָגט אַן אייגענע געביידע, מיט א זאָל פאַר פאַרלעזונגען און קאָנצערטן. דער פאַראיין פירט א גאַנץ לעבעדיקע טעטיקייט. ער ציילט 130 מיטגלידער און ס'איז מיר אויסגעקומען בייצווזיין די צוויי־יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט וואַלן פון אַ נייעם קאָמיטעט. פאָרזיצער איז דער פריערדיקער לאַנג־יאָריקער רעדאַק־

איצט ווערט מדינת ישראל דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט מיט אַ רעכט צו עקספּאָרטירן קיין אַמעריקע סחורות (פּראָדוצירט אין ישראל) אָן שום צאָל. דאָס וועט לאָקן אינוועסטיציעס פון איראָפּע און אַפילו פון אַזיאַטישע לענדער, וואָס זוכן אַן אָפענע טיר פאַר עקספּאָרטן צו די צוויי גרעסטע אָפּזאַץ מערק: אַמעריקע און די אייראָפּעאישע געמיינשאַפט.

דאָס אַלץ איז אָבער אָפּהענגיק פון דעם ווילן און גרייטקייט פונעם גאַנצן פאָלק זיך אַרויסצורייסן פון דעם גן עדן פון נאַראָנים, פון דער עקאָנאָמישער בלאָטע אין וועלכער דאָס פאָלק טאָפּטשעט. דאָס וועט פאָדערן צייטווייליקע מאַטעריעלע קרבנות פון כמעט יעדן יחיד.

ווער ס'געדענקט די ווילדע שטרייקן, וואָס האָבן כמעט צעשטערט און רואינירט די אל־על געזעלשאַפט, האָט א גרונט נישט צו זיין זייער אָפּטימיסטיש.

אַ נס פון הימל האָט געשאַפן אַ ברייטע אחדות־רעגירונג, אָבער דאָס לייזן פון די לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען איז געבליבן די אחריות פון פאָלק.

און פֿאַרשווינדן איבער פֿיר הונדערט ביליאָן שקלים פֿון אינערלעכן פֿינאַנסיעלן מאַרק (וויניקער שקלים אויפֿן מאַרק, ווערט דער שקל מער חשוב).

צו דעם אַלעם וועט די רעגירונג מוזן שטרעבן און דערגרייכן דאָס אַראָפּנידעריקן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט ביז צו דער מדרגה פֿון 1981 ־ 1982 און אפֿשר נאָך מער און דאָס וועט זיך אָנשטויסן אויף אַ געוואַלטיקן ווידערשטאַנד פֿון דער הסתדרות. עס וועלן קומען אָרגאַניזירטע און ווילדע שטרייקן.

נאָר אַ ברייטע אחדות רעגירונג האָט אַ שאַנס צו איבערוועלטיקן די שווערע פּראָבלעמען.

ווי דערמאָנט איז די עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿט נישט קיין לאַבאָראַטאָרישע וויסנשאַפֿט, דערפֿאַר איז זעלטן צו טרעפֿן עקאָנאָמיסטן פֿון פֿאַרשידענע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ריכטונגען אַז זיי זאָלן מסכּים זיין מיט אַזאַ אָדער אַנדערן עקאָנאָמישן פּראָגראַם. אַזוי האָט די פּרעסע ציטירט ישראל עקאָנאָמיסטן, וואָס זענען קעגן דעם אָנגענומענעם עקאָנאָמישן פּראָגראַם. מערקווירדיק איז אָבער אַז מערסטנס האַלטן די קריטיקער, אַז די מאָס־מיטלען זענען צו ווינציק. דער מלוכה בודזשעט האָט באַדאַרפֿן שניידן דעם ווערט פֿון צוויי ביליאָן דאָלאַר אָנשטאָט איין ביליאָן. מעגלעך זיי זענען גערעכט. מעגלעך צו דעם וועט נאָך קומען. אָבער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונג מוז אַפֿילו אין די שווערסטע באַדינגונגען זיך רעכענען מיט די סאָציאַלע אַספּעקטן, אויף וועלכע דער עקאָנאָמישער פּלאַן וועט משפּיע זיין.

די גויאישע קאָרעספּאָנדענטן פֿון דער אַלגעמיינער פּרעסע באַמיען זיך צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז מדינת ישראל ווערט עקאָנאָמיש צוזאַמענגעבראָכן. זי ווערט בלויז אויפֿגעהאַלטן מיט נדבות פֿון אַמעריקע.

מדינת ישראל איז שולדיק אויסלאַנד איבער צוואַנציק ביליאָן דאָלאַר. „פּער קאָפּ" איז די ידישע מדינה דער גרעסטער בעל־חוב אין דער וועלט. די קאָמפּיוטערס אין די באַנקן קאָנען זיך מער נישט קיין עצה געבן מיט די אַסטראָנאָמישע ציפֿערן פֿון די שקלים. למשל א פּאָר סאַנדאַלן קאָסטן 7000 שקלים (15 דאָלאַר). א נייער קנאַקענדיקער 1000 שקל באַנקנאָט באַטרעפֿט קוים צוויי דאָלאַר און צוואַנציק סענט.

די אַלע ציפֿערן זענען אמת. אָבער דער טענדענציעזער אופֿן פֿון ציטירן די דאָזיקע ציפֿערן אָפּגעריסענערהייט פֿון א ברייטער אָביעקטיווער עקאָנאָמישער אַנאַליז איז אַ סימן פֿון בייזוויליקייט און זענען פֿאַרפֿירעריש.

אמת — מדינת ישראל איז שולדיק אין אויסלאַנד איבער צוואַנציק ביליאָן דאָלאַר. אָבער צען ביליאָן דאָלאַר פֿון דעם סכום איז זי שולדיק צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וואָס פּרעסט נישט מיט פּרעזענטירן די וועקסלען. פֿריער צי שפּעטער וועט דער גאַנצער חוב פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סובווענץ. נישט אַלס א נדבה. סענאַטאָרן (פֿון געגנטן, ווו עס וווינען כּלל נישט קיין ידן) שטיצן גרעסערע סובווענצן פֿאַר ישראל, ווייל דאָס איז אין די אַמעריקאַנער סטראַטעגישע אינטערעסן. פּרעזידענט רעיגען האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין שטאַרקע ישראל אַרמיי, וואָלט אַמעריקע געמוזט דאָרט האַלטן אַ גרויסע אַרמיי און דאָס וואָלט אָפּגעקאָסט אוצרות.

אין פֿאַרגלייך וואָס אַמעריקע גיט אויס פֿאַר „נאַטאָ" אין איראָפּע זענען פּראַקטיש די אַלע הלוואות און סובווענצן פֿאַר ישראל נישט מער ווי אַ שיבוש...

ווייטערע פֿינף ביליאָן דאָלאַר וואָס ישראל איז שולדיק אין אויסלאַנד, זענען אין דער פֿאָרם פֿון באָנדס, אין ידישע הענט.

בבא־מעשיות וועגן קאָמפּוטערס וואָס קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט אסטראָנאָמישע ציפֿערן: א פּאָר ביליקע סאַנדאַלן אין רוים קאָסטן צומווינציקסטן 50.000 לירעס (27 דאָלאַר) איין נאַכט אין אַ האָטעל צימער קאָסט אַ פֿערטל מיליאָן לירעס. טראָץ די אסטראָנאָמישע ציפֿערן פֿון אַן אמאָליקער היפּער אינפֿלאַציע איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין איטאַליע היינט געזונט און סאָליד. איטאַליע געהערט היינט צו די בכבודיקסטע מיטגלידער פֿון דער איראָפּעאישער געמיינשאַפֿט.

מדינת ישראל האָט די בעסטע שאַנסן צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק און קרעפֿטיק — ווייט איבער דער פּראָפּאָרץ פֿון דער צאָל איינוווינער.

אין דער ערשטער דעקאַדע פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער ידישער מדינה זענען די עקאָנאָמישע טעטיקייטן געווען געווידמעט הויפּטזעכלעך דער אַנטוויקלונג פֿון אַגריקולטור. היינט געהערט ישראל צו די העכסט אַוואַנסירטע לענדער אין דער וועלט אויפֿן געביט פֿון אַגריקולטור.

ישראל איז היינט אויפֿן וועג פֿון א נייער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ספּעציעל אויפֿן געביט פֿון טעכנאָלאָגיע.

אין די צוואַנציק יאָרן פֿון 1958 ביז 1978 איז די אַלגעמיינע פּראָדוקציע פֿונעם פֿאָלק געוואַקסן דורכשניטלעך עלף פּראָצענט אַ יאָר. ווען דער דאָזיקער קאָלאָסאַלער עקאָנאָמישער שטופּ וואָלט אָנגעהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג, וואָלט די ידישע מדינה געווען אַן עקאָנאָמיש־אינדוסטריעלער כוח.

לײדער איז די פּראָדוקטיוויטעט געפֿאַלן. די פּראָפֿיטן פֿון דער באַפֿעלקערונג — אָנשטאָט צו ווערן רעאינוועסטירט — זענען צעטרענצלט און צעפּטרט געוואָרן אויף לוקסוס אַרטיקלען, אימפּאָרטירטע פֿון אויסלאַנד.

אָפּשאַצנדיק ישראלס שאַנסן פֿאַר עקאָנאָמישער ווידער־אויפֿלעבונג און זעלבשטענדיקייט, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט די אייגנאַרטיקע לאַגע פֿון מדינת ישראל אין דעם וועלט האַנדל.

זינט 1977 זענען אַלע סחורות, פּראָדוצירט אין ישראל פֿריי פֿון יעדן צאָל אין די לענדער פֿון דער איראָפּעאישער געמיינשאַפֿט (ישראל איז אַ מיטגליד פֿון דער געמיינשאַפֿט). דאָס וועט דערמוטיקן קאַפּיטאַלן פֿון אמעריקע און דרום אַפֿריקע, צו אינוועסטירן און פּראָדוצירן אין ישראל.

געדריקט אין אַמאָליקע און היינטיקע שקלים), וואָלט געווען קאַטאַסטראָפאַל, ווען הונדערט שקלים פאַר צוויי פונט פּאָמידאָרן אין 1984 וואָלטן אויסגעדריקט אַ יקרות, וואָס די באַפעלקערונג קאָן זיך נישט דערלויבן — אדרבא דער היפּוך, דאָס פאַרקערטע איז דער אמת. הונדערט שקלים באַטרעפן היינט קוים 25 סענט. צוויי פונט פּאָמידאָרן פאַר 25 סענט איז בזול, כמעט בחינם. אַזוי איז אויך דער פּרייז פון אַ ברייטל, צען סענט — אַ געשענק.

די צרה איז, אַז דעם אונטערשיד צווישן דעם רעאַלן קאָסט פּרייז און דעם פאַרקויף פּרייז פונעם ברייטל באַצאָלט דער אַמעריקאַנער שטייער־צאָלער. מיט די געלטער, וואָס די ישראל־רעגירונג באַקומט פון אַמעריקע, די ישראל רעגירונג סובסידירט די פּרייזן פון שפּייז־פּראָדוקטן.

פון דער צווייטער זייט איז דער געיעג נאָך לוקסוס אַרטיקלען אומהיימלעך גרויס. די נייעסטע טעלעוויזאָרן; די נייעסטע געשיר, וואַש־מאַשינען, לוקסוס־מעבל. די שענסטע באַפּוצונגען פון באָד־צימערן, קאָסמעטישע אַרטיקלען פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. פאַראַן שקלים גענוג און איבעריק איינצוקויפן די אַלע זאַכן פון אויסלאַנד, איינשליסלעך די נייעסטע מאָדעלן פון אויטאָס.

די גאַלאָפּירנדיקע אינפלאַציע האָט קיינעם נישט געבראַכט קיין שאָדן. דער אמתער ווערט פון לוינען, געהאַלטן איבערשטייגט די אינפלאַציע פון נעכטן און שטויסט העכער די אינפלאַציע פון מאָרגן.

עס שאַפט זיך אַ באַרעכטיקטער איינדרוק, אַז די איינוווינער פון ישראל לעבן אין אַ גן עדן פון נאַראָנים. אָט דאָס האָט אויסגעדריקט אין אַן אינטערוויו מיט אַן אויסלענדישן זשורנאַליסט אַן אָרעמע פרוי אויפן מאַרק. אויף דער פראַגע וואָס זי קלערט וועגן דער גאַלאָפּירנדיקע אינפלאַציע, האָט זי געענטפערט: „אַמאָל האָבן נאָר די רייכע גענאָסן פון דער אינפלאַציע, היינט געניסן אַלע פון דער אינפלאַציע"...

יאָ, אַלע געניסן — אַ חוץ די מדינה...

עס איז נישט פאַראַן קיין פּאַרטיקער רעצעפּט אויף אַ רפואה, וואָס זאָל „איבער נאַכט" געזונט מאַכן די זייער קראַנקע ישראלדיקע עקאָנאָמיע.

די אַזוי גערופענע „עקאָנאָמישע וויסנשאַפט" איז נישט קיין „לאַבאָראַטאָרישע עקזאַקטע וויסנשאַפט".

עס זענען דאָ געוויסע עקאָנאָמישע כללים. אָבער דער דערפאָלג פון אַזאַ אָדער אַנדערן עקאָנאָמישן פּראָגראַם איז אָפּהענגיק פון צאָלרייכע באַדינגונגען, איינשליסלעך די פּסיכישע רעאַקציע פון פאָלק, איבער וועלכע דער עקאָנאָמיסט אָדער אַפילו די רעגירונג האָט נישט קיין שליטה. דערפאַר איז דאָס אַ לאַנגער פּראָצעס.

אין דעם איצטיקן מאָמענט שטייט פאַר דער רעגירונג דער פּראָבלעם פון צאָלונגס־באַלאַנס, וואָס מוז געלייזט ווערן תיכף ומיד. דאָס איז די ערשטע פּריאָריטעט.

אַ צאָלונגס באַלאַנס נעמט אַרום אַלע אויסלענדישע געלטער, וואָס קומען אַריין אין לאַנד פון אַלע מקורות, ווי למשל געלטער פאַר עקספּאָרטירטע סחורות; אינוועסטיציעס; הלוואות פון אויסלאַנד; פון פאַרקויפטע ישראל באָנדס; הלוואות און סובווענצן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג א. א. וו. די אַלע געלטער קאָנצענטרירן זיך אין דער רעזערוו באַנק, וואָס באַצאָלט מיט זיי פאַר אַלע אימפּאָרטירטע סחורות; צאָלט אויך צינזן פאַר אויסלענדישע הלוואות א. א. וו. און צווישן אַנדערע באַזאָרגט זי הונדערטער טויזנטער ישראל איינוווינער מיט אויסלענדישע קור־ערטער.

עס ווערט אָנגענומען אַז אַ רעזערוו באַנק מוז האָבן אַן עודף צו פינאַנסירן מינדעסטענס דעם ווערט פון דריי חדשים פאַראויסגעזעענע, דורכשניטלעכע צאָלונגען. — די געפאַר, וואָס דראָט איצט מדינת ישראל איז אַז דער עודף קלעקט קוים 40 טעג... אויב אַ רעזערוו באַנק האָט נישט קיין עודף בכלל איז דאָס אַ קאַטאַסטראָפע — ערגער, ווי אַן ערדציטערניש. די רעדער פון דער אינדוסטריע בלייבן שטיין. נישטאָ קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן דעם אויל, רוישטאָפן א. א. וו.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען מוז מען פאַרשטיין די ערשטע דראַסטישע שריט וואָס די רעגירונג פון אייניקייט האָט אָנגענומען. פאַר די נאָענטסטע זעקס חדשים וועלן נישט אַריינגעלאָזט ווערן קיין לוקסוס אַרטיקלען פון אויסלאַנד — פון קאָסמעטישע אַרטיקלען ביז פּריוואַטע אויטאָס. דער אימפּאָרט וועט באַגרענעצט נאָר צו וועזנטלעכע רוישטאָפן און מאַשינען. דאָס וועט פאַרקלענערן דעם אָפּפלוס פון אויסלענדישע וואַלוטע פון דער רעזערוו באַנק. דער ישראל בירגער, וואָס וויל דווקא פאַרברענגען זיינע וואַקאַציעס אין אויסלאַנד וועט באַקומען נישט מער, ווי טויזנט דאָלאַר.

דער „צאָלונגס־באַלאַנס־פּראָבלעם" וועט געלייזט ווערן אין די נאָענטסטע פאַר וואָכן. אַ חוץ די אַלע מאָסנאַמען צו באַגרענעצן דאָס אויסרינען פון די רעזערוון אין אויסלענדישער וואַלוטע, וועט אויך אַריינקומען די אַמעריקאַנער סובווענץ פאַר 1985.

דער הויפּט פּראָבלעם פאַר וועלכן די ברייטע אחדות רעגירונג שטייט איז די היפּעראינפלאַציע.

דער נס, וואָס האָט אויפגעצוווּנגען אויף דער מדינה אַ רעגירונג פון אחדות באַשטייט אין דעם אַז נאָר אַזאַ ברייטע רעגירונג איז מסוגל צו געווינען די אַנטשיידענע עקאָנאָמישע שלאַכט, פון וועלכער ס'איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון דער מדינה.

דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס און איידער ס'וועט ווערן בעסער, וועט דערווייל ווערן ערגער.

למשל דאָס אָפּשאַפן די סובווענצן פון דער רעגירונג אויף לעבנסמיטל פּראָדוקטן (צען סענט אַ ברייטל), וועט אויפהייבן די פּרייזן פון לעבנסמיטל צו זייער רעאַליסטישן ווערט. דאָס אַליין און אַ רייע נייע שטייערן אויף אַנדערע אַרטיקלען וועט אַ שטויס געבן די אינפלאַציע פון 400 פּראָצענט ביז מעגלעך 1000 פּראָצענט.

דער מלוכה בודזשעט וועט פאַרקלענערן די הוצאות פון מלוכה סעקטאָר מיט טויזנט מיליאָן דאָלאַר. דאָס הייסט אַז בלויז פון דעם מקור וועלן איינגעשרומפּן ווערן

טאַסטראָפע פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון דער מדינה, ווי די מערהייט פון די קאָמענטאַטאָרן האָבן דאָס באַצייכנט?

צי האָט טאַקע „דאָס פאָלק אַנטשלאָסן קעגן זיך אַליין?"

צי האָט די אָפּשטימונג פאַראַליזירט דעם פּאָליטישן סיסטעם אין ישראל, ווי די אויסלענדישע און ישראל קריטיקער האָבן קאָמענטירט?

דער שרייבער פון די שורות געהערט צו די וואָס זענען איבערצייגט, אַז דער אויסגאַנג פון די וואַלן איז דווקא לטובת די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון דער מדינה. נאָך מער — דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז געווען ממש אַ נס מן השמים...

דער באַשלוס פון די ישראל בירגער טראָגט אין זיך אַ טיפע זאָרג און אַן אָנזאָג צו די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס דער „ניו יאָרק טיימס" קאָלומניסט, וויליאַם סאַפיר האָט אויסגעדריקט אין א פּאָר זאַצן:

„די ווילער האָבן געלאָזט וויסן דעם מערך בזה הלשון: מאַכט אַ סוף צו דעם וויעטנאַם סינדראָם פון לבנון"...

אַן אַנאַליז פון די וואַלן באַשטעטיקט די וואָרענונג פון וויליאַם סאַפיר, טראַצדעם וואָס די מערהייט פון די גענעראַלן האָבן געשטימט פאַר דעם מערך, האָבן אָבער 55 פּראָצענט פון די זעלנער געשטימט פאַר דעם ליכוד קעגן די 45 פּראָצענט פאַר אַלע אַנדערע פּאַרטייען, איינשליסלעך דעם מערך.

צו דעם מוז מען צוגעבן, אַז דער אויסגאַנג פון די וואַלן טראָגט אין זיך אַ וואָרענונג צום מערך אויפצוהערן צו פאַרהאַנדלען מיט פּאַנטאָמען וועגן גורל פון יהודה און שומרון.

דאָס אַרויפוואַרפן די שולד אויף די ספרדים, בכן זיי האָבן נישט געשטיצט דעם מערך — די אַרבעטער באַוועגונג, טראָצדעם וואָס זיי — די ספרדים זענען אין אַלגעמיין סאָציאַל און עקאָנאָמיש באַעוולט, איז אַ סימן אַז די אָנפירערשאַפט פון מערך פילט נישט דעם פּולס פון פאָלק.

גלייכצייטיק האָבן די ישראל ווילער צווויסן געגעבן דעם ליכוד נישט מער זיך סומך זיין אויף דער פאַרבינדונג מיט רעליגיעזע פּאַרטייען כדי צו שאַפן אַ קליינע קאָאַליציע פאַרן פרייז פון פאַרוואַנדלען בהדרגהדיק די ישראל־דעמאָקראַטיע אין אַ טעאָקראַטישע מדינה.

דער ליכוד מוז אָנערקענען, אַז די גרעסטע געפאַר פאַר ישראל איז איצט דער עקאָנאָמישער קריזיס, פאַר וועלכן די רעגירונג פון ליכוד (פון בעגין און פון שמיר) איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל די ליכוד רעגירונג האָט צו שטאַרק געציטערט פאַר אַן עווענטועלער אַרבעטסלאָזיקייט, בכדי עפעקטיוו צו באַקעמפן די גאַלאָפּירנדיקע אינפלאַציע; ווייל די ליכוד רעגירונג האָט דערלויבט אויפצוהייבן דעם לעבנס סטאַנדאַרט פון די ישראל איינוווינער אויף א מדרגה, וואָס איבערשטייגט גאָר שטאַרק די עקאָנאָמישע רעאַליטעט פונעם לאַנד.

פאַר די דאָזיקע עקאָנאָמישע חטאים אַליין האָט זיך דער ליכוד כשר פאַרדינט אָפּגעוואָרפן צו ווערן.

צו די בײדע גרויסע פּאַרטייען האָבן די ווילער באַפוילן איינצושפּאַנען זיך צוזאַמען אין אַ געמיינזאַמען קאַמף אַרויסצופירן די ישראל עקאָנאָמיע אויף געזונטע רעלסן. דאָס וועט און מוז זיין אַן אומפּאָפּולערער קאַמף, וואָס וועט באַוווסטזיניק אַראָפּנידעריקן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די איינוווינער; אַ סוף מאַכן צו דעם לוקסוס אויף וועלכן דאָס לאַנד קאָן זיך נישט דערלויבן. די פיינלעכע מיטלען מוזן זיך טיף אַריינבייסן אין דעם עפנטלעכן סעקטאָר פון מלוכה־אויסגאַבן אויף אַלע געביטן פון מלוכה אַקטיוויטעטן. די לוינען אין עפנטלעכן סעקטאָר און אין דעם פּריוואַטן סעקטאָר וועלן ווערן קלענער און קלענער (אין רעאַלן ווערט).

דווקא ווייל אַזאַ קאַמף וועט זיין שטאַרק אומפּאָפּולער און וועט גורם זיין פּראָטעסטן און שטרייקן, איז די איינציקע האָפענונג פאַר דערפאָלג: אַ קאָאַליציע פון די בײדע גרויסע פּאַרטייען. בײדע וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פיינלעכע עקאָנאָמישע שריט, וואָס זענען דרינגענד נייטיק אַרויסצופירן די מדינה פון א טיפן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס באַדראָט די זעלבשטענדיקייט פון מדינת ישראל.

אויף אַ מיסטעריעזן אופן האָבן די ווילער אַזוי אויסגעצילט אַז קיין איינציקע פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען האָבן נישט באַקומען די מעגלעכקייט צו שאַפן א קליינע קאָאַליציע מיט אַ מערהייט פון איינאיינציקן מאַנדאַט צו אויפשטעלן אַ רעגירונג. בײדע פּאַרטייען האָבן איינגעזען, אַז די אַלטערנאַטיוו פון נייע וואַלן וועט ברענגען דעם זעלבן רעזולטאַט און דערווייל וואָלט די שמיר רעגירונג געמוזט ווייטער אָנפירן מיט דער מדינה, אָן אַ מאַנדאַט פון פאָלק. און פאַרשטייט זיך: צוליב ענגע פּאַרטייאישע מאָטיוון איז אַזאַ רעגירונג נישט געווען וויליק און בכוח אָנצונעמען דראַסטישע אומפּאָפּולערע שריט אַרויסצופירן די מדינה פון דעם עקאָנאָמישן כאַאָס.

אין אָט די באַדינגונגען האָט דאָס פאָלק געגעבן די פּאַרטייען איין איינציקע אַלטערנאַטיוו: שאַפן אַ ברייטע אחדות־רעגירונג.

דאָס וואָס דער אַלטער לאַטיינישער אַקסיאָם האָט אויסגעדריקט: „וואָקס פּאָפּולי, וואָקס דעי". די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט. דאָס איז געווען דער נס. אַ גאַנצע רייע פּראָבלעמען שטייען אויפן סדר היום פון דער ברייטער אחדות רעגירונג, אָבער די ערשטע פּריאָריטעט איז די סאַנאַציע פון דער עקאָנאָמיע.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז ווייט נישט האָפענונגסלאָז.

לאָמיר אַנאַליזירן דעם בײַשפּיל, וואָס דער מערך האָט אַזוי דראַסטיש אויסגעדריקט אין דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע אויפן מאַרק אין חיפה אין דער „גרויסער פּאָמידאָרן מלחמה". אַ שקל אין 1977 האָט געקויפט צוויי פונט פּאָמידאָרן. היינט איז דער שקל ווערט קוים א פערטל סענט, און בכדי צו קויפן צוויי פונט פּאָמידאָרן דאַרף מען היינט הונדערט שקלים. דער קאָלאָסאַלער אונטערשיד (אויס־

ד״ר מ. פּערשטענדיק

# אַ נס פֿון הימל און די אחריות פֿון פֿאָלק

דוד בן גוריון האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ווער עס גלויבט נישט אין נסים אין ישׂראל איז נישט קיין רעאַליסט.

אין דעם טאָג פֿאַר די וואַלן צו דער כנסת (23־טער יולי) האָט דער „טיים״ מאַגאַזין, שטיצנדיק זיך אויף די לעצטע מיינונגס־פֿאָרשונגען (גאַלאָפּ פּאָל), פֿאָרויסגעזען אַז דער ליכוד וועט קוים אָנציען 29 פּראָצענט שטימען. ממילא די „רעאַליסטישע״ מסקנא — אַ באַקוועמער זיג פֿאַרן מערך.

די אָביעקטיווע אומשטאַנדן פֿאַר דעם דורכפֿאַל פֿון ליכוד זענען געווען בולט פֿאַר יעדן ישׂראל־ווילער און פֿאַר יעדן אינטערנאַציאָנאַלן אָבסערוואַטאָר.

די קאַטאַסטראָפֿאַלע עקאָנאָמישע לאַגע איז דראַסטיש און עפֿעקטיוו אילוסטרירט געוואָרן אויף אַ טיש אינעם מאַרק פּלאַץ אין חיפֿה, ווו דער מערך האָט פֿאַרקויפֿט פֿאָמידאָרן צו די אַלטע פּרייזן פֿאַר דער היפּעראינפֿלאַציע. צוויי פֿונט פֿאָמידאָרן פֿאַר איין שקל... (היינט ווייניקער ווי אַ האַלבער סענט). איין שקל פֿאַר צוויי פֿונט פֿאָמידאָרן דאָס איז געווען דער פּרייז אין 1977, איידער דער ליכוד איז געקומען צו דער מאַכט. היינט איז דער פּרייז הונדערט־פֿאַכיק.

די מערך פּראָפּאַגאַנדע אויפֿן מאַרק אין חיפֿה איז באַצייכנט געוואָרן אַלס „די גרויסע פֿאָמידאָרן מלחמה״.

די „קלייניע״ לבנון מלחמה מיט די גרויסע פֿאַרלוסטן פֿון די צה״ל זעלנער האָט אויך געווירקט ווי אַ שווערער מילשטיין אויפֿן האַלדז פֿון ליכוד.

רעאַליסטיש און אָביעקטיוו האָבן די ישׂראל־ווילער געהאַט יעדן גרונט אָפּצוואַרפֿן דעם ליכוד. די גאַלאָפּירנדיקע אינפֿלאַציע; די אינערלעכע צעריסנקייט צוליב דער לבנון מלחמה; דאָס אָפּרוקן זיך פֿון מנחם בעגין פֿון פּאָליטישן לעבן; די פּרעסע און עלעקטראָנישע מעדיאַ־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ליכוד. די שבחים פֿאַר דער האַרמאָנישער לייטונג פֿון פּערעס, ראַבין און נבון...

טראָץ דעם האָבן די ווילער אין ישׂראל (צום דריטן מאָל) נישט איבערגעגעבן די מאַכט דעם מערך, אַפֿילו ווען זיי האָבן גלייכצייטיק אַוועקגענומען פֿון ליכוד דעם רשות צו שאַפֿן אַ רעגירונג (אין אַ קאָאַליציע מיט די רעליגיעזע פּאַרטייען), ווייטער אָנצוגיין מיט דער ווירטשאַפֿט, ריכטיקער געזאָגט: מיט דער „מיסווירטשאַפֿט״ פֿון דער מדינה.

ווען דער אויסגאַנג פֿון די וואַלן איז באַקאַנט געוואָרן, האָט זיך אַ באַוווסטער שריפֿטשטעלער און זשורנאַליסט אין ישׂראל אויסגעדריקט: „דאָס פֿאָלק האָט אַנטשלאָסן קעגן זיך אַליין. דאָס פֿאָלק האָט געוווילט אַזוי ווי עס וואָלט געהאַט אַ פֿולע נאָז מיט אַ וועלכער עס איז רעגירונג. זאָל אַ סובקאָמיטעט פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער פֿאַרוואַלטן מיט ישׂראל״...

איז טאַקע דער אויסגאַנג פֿון די וואַלן געווען אַ קאַ־

טאָג־טעגלעך פֿון הונגער. די אויפֿמערקזאַמקייט האָבן צוגעצויגן די טעלעוויזיע־נייעס רעפּאָרטערן, וואָס האָבן אויף אַ וויל צורו געלאָזן די שטרייטנדע פּאָליטיקער און זייער דראַנג נאָך מאַכט.

אין עטיאָפּיע הערשט שוין זינט צען יאָר אַ מאַרקסיסטישער רעזשים — לויטן סאָוויעטישן מוסטער.

פֿאַר די, וועלכע קענען די געשיכטע פֿון סאָוויעטיזאַציע פֿון רוסלאַנד, איז זיך נישט צום וווּנדערן, וואָס דער ערשטער אויפֿטו פֿון קאָמוניסטישן רעזשים, איז דער געזוואַלדיקער הונגער פֿון דער באַפֿעלקערונג (פֿאַר וועלכן עס איז לייכט צו וואַרפֿן די שולד אויף קלימאַטישע באַדינגונגען...).

אויך אין סאָוויעט־רוסלאַנד זענען בשעת דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע אויסגעשטאָרבן מיליאָנען מענטשן, צוליבן קינסטלעך־אינסצינירטן הונגער.

שוין נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, באַזעצטע דורך די סאָוויעטן — געשטראָפֿט געוואָרן מיט דעם מאַרקסיסטישן ווירטשאַפֿטס־פֿענאָמען — פּערמאַנענטער מאַנגל פֿון שפּייזפּראָדוקטן.

אין דער זעלבער צייט, ווען די עטיאָפּישע מאַסן שטאַרבן פֿון הונגער, האַלט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט אונטער דער לאָזונג: אַלץ פֿאַרן פֿאָלק — אויס אַן אַרמיי פֿון פֿירהונדערט טויזנט זעלנער באַוואָפֿנט מיט די נייעסטע, מאָדערנסטע קריגס־מכשירים (צוגעשטעלט — נאַטירלעך — דורך די סאָוויעטן פֿאַר אַ געהעריקן פּרייז). אַצינד פֿירט אַ ספּעציעל־געדונגענע שיף פֿון ענגלאַנד אַ האַלבן מיליאָן פֿלעשער וויסקי — כדי צו פֿייערן די צען יאָר הערשאַפֿט פֿון דער רעוואָלוציע.

צו ראַטעווען די באַפֿעלקערונג פֿון הונגער־טויט האָט מען איבערגעלאָזט פֿאַר די פֿאַרהאַסטע קאַפּיטאַליסטן פֿון מערב.

די רעאַקציע פֿון מערב — די פֿאַרצוויגטע זאַמלאַקציע פֿאַר שפּייז־פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן; דאָס שנעלע טראַנספּאָרטירן עס מיט עראָפּלאַנען קיין עטיאָפּיע באַווייזט (נישט צום ערשטן מאָל) אַז פֿאַר קאָמוניסטישע רעזשימען קומט די אידיי פֿאַרן מענטשן; אַז אַלע מיטלען צו דערגרייכן דעם ציל זענען כשר, אַפֿילו ווען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן באַצאָלן — נישט וויסנדיק צוליב וואָס — מיט זייער לעבן.

מ. אַ.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע אויסגאבע

אדרעס פון רעדאקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

נאוועמבער־דעצעמבער 1984 | נומער 5 (44) | מעלבורן, אויסטראליע


## דער מענטש — אין שאטן פון וואלן

וואלן זענען א פאליטישע לאטעריע — און ווי אין יעדער לאטעריע איז די נייגעריקייט פון די האזארד־שפילער אזוי אנגעשפיצט, אז עס פארשטעלט פאר זיי יעדע אנדערע געשעעניש, ווי וויכטיק אדער דראמאטיש זי זאל נישט זיין.

צווערשט זענען עס געווען: די וואלן אין מדינת ישראל.

ווען א מענטש וואלט אראפגעקומען אויף דער ערד פון מארס און וואלט אריינגעקוקט אין דער וועלט־פרעסע אדער טעלעוויזיע, וואלט ער געהאט דעם איינדרוק, אז ישראל איז נישט בלויז א גרויסמאכט — נאר זי איז די גרויסמאכט.

ווען ער וואלט סוף כל סוף אויסגעפונען, אז ישראל פארמאגט נישט מער ווי קנאפע 4 מיליאן איינוווינער, וואלט ער געווען נישט נאר אנטוישט, נאר אויך איבערראשט פון דער דיספראפארץ צווישן ישראלס ארט אין דער וועלט און צווישן ארט, וועלכע די פרעסע האט געווידמעט די וואלן צו דער כנסת.

די אנטוישונג פון די זשורנאליסטן איז נישט געווען קלענער, ווי די אנטוישונג פון מארסיאנער: קיין איין פארטיי איז נישט ארויס אלס זיגער, און אלע פארויסזאגונגען און שפעקולאציעס זענען געווען ווי פלעווע אויפן ווינט.

א מער זיכערער באדן פאר די זשורנאליסטישע טרדבאדורן און פאליטישע נביאים, זענען די וואלן פון א פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן. אפשר איז טרעפלעך די באמערקונג פון א רוסישן מענטשן (אין מאסקווע) אז די וואלן אין אמעריקע זעען אויס ווי א ספארט־פארמעסטונג צווישן צוויי מאנשאפטן. זי איז טרעפלעך הערפאר (פון רוסישן שטאנדפונקט) אז וועלכער קאנדידאט ס׳וועט נישט געווינען, וועט די ארדענונג בלייבן די זעלבע; מען וועט קיינעם נישט איינזעצן אדער שיסן, און דער פארשפילטער קאנדידאט וועט ווייטער קאנען פריי אגיטירן פאר זיינע מיינונגען.

פרעז. רעיגענס זיג איז פארויסגעזאגט געווארן, נאך איידער די וואל־קאמפאניע האט זיך אנגעהויבן.

די אמעריקאנער — אין זייער מורא פאר די רוסן — האבן באשולדיקט רעיגענען, אז ער ציט איבער די סטרונע אין די אמעריקאנער ־ סאוויעטישע באציאונגען. די וואל־רעזולטאטן באוויזן אבער, אז די אמעריקאנער (ווי יעדעס אנדער פאלק) וויל האבן א פירער מיט א שטארקער האנט און מיט באק־ציינער, ספעציעל ווען עס האנדלט זיך אין אויסערן־פאליטיק.

מיר קאנען דא נישט פסקענען צי רעיגען איז דער אידעאלסטער פרעזידענט און דער פירער פון דער מערב־וועלט. מיר האבן אים נישט אויסגעקליבן. דאס ענדערט אבער נישט דעם פאקט, אז ער איז איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער מערבדיקער פאליטיק פון נישט לאזן זיך שפייען אין דער קאשע מצד די סאוויעטן; אז ער רעדט די שפראך וועלכע די סאוויעטן פארשטייען אומצווידייניק; אז אים איז פרעמד דער באגריף „אפיזמענט" — במילא האט ער געוואונען דעם צוטרוי פון די מענטשן פון זיין לאנד.

אויך אויסטראליע שטייט אין מיטן פון א וואל־פארמעסט, און אלע סימנים באווייזן, אז דער איצטיקער פרעמיער באב האוק וועט צוריקקומען צו דער מאכט מיט א גענוגנדיקן מאנדאט צו קאנען אנפירן מיטן לאנד.

צו זיין א פירער פון דער לייבאר־פארטיי, ספעציעל אין צייט פון וואלן, איז נישט פון די גרינגע זאכן.

די לייבאר־פארטיי איז זייער ענלעך צו דעם וואגן אין קרילאוס מעשהלע:

אין וואגן האבן זיך איינגעשפאנט: א שוואן — וואס שלעפט דעם וואגן אינדערלופטן. א ראק — וואס שלעפט דעם וואגן אויף צוריק און א העכט — וואס שלעפט דעם וואגן אין וואסער אריין. קלאר: דער וואגן רירט זיך נישט פון ארט.

די דריי עלעמענטן קאן מען לייכט געפינען אין דער לייבאר־פארטיי. בלויז באב האוקס פערזענלעכע פאפולאריטעט (68 פראצענט) באוועגט דעם וואגן פארויס.

באב האוק, ווי דאס אויסטראלישע פאלק זעען אין דער פארבינדונג מיט אמעריקע א וויכטיקן עלעמענט אין דער גאראנטיע פאר אויסטראליעס זיכערקייט.

אבער אין מיטן פון די אלע וואל־געפעכטן האט מען דערזען דעם מענטשן, דעם הונגעריקן מענטשן פון אפריקע; פון עטיאפיע. דארט שטארבן הונדערטער מענטשן

THE BEST PLACE TO EAT

Scheherazade
RESTAURANT

THE BEST PLACE TO MEET

99 ACLAND STREET, ST. KILDA 3182
TELEPHONE 534 2722

**Dalkeith Productions Pty. Ltd.**

★

5 STEWART STREET, RICHMOND, VIC. 3121
PHONE 428 4163

*MORRIS GUTHRY*

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — דער מענטש — אין שאָטן פון וואַלן . . . . . . 1
ד"ר מ. פערשטענדיק — אַ נס פון הימל און די אחריות פון פאָלק . . . . 2
הערשל באַכראַך — וועגן יידיש אין ישראל . . . . . . . . . . 6
יאָני פיין — יאָרן (ליד) . . . . . . . . . . . . . 8
ד"ר עזריאל נאַקס — יצחק באַשעווויס-זינגער — דער מאָראַליסט . . 9
שלום לאָקער — וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע — איין קאָנטינואום . 11
הערשל באַכראַך — יידיש טעאַטער אין מעלבורן לעבט ! . . . . . 14
י. מ. לעווין — צוויי לידער . . . . . . . . . . . . 15
מגר. בקציון פעלדשוה — די פילאָסאָפיע פון מאַרטין בובער . . . . . . 15
מ. אייזענבוד — דיכטער און דיכטונג . . . . . . . . . . 16
י. קאַפּע — „כ׳פאַרברען פאַריז" . . . . . . . . . . . 19
נ. אַרטענשטיין — יידן — העלדן אין דער פוילישער אַרמיי . . . . 20
שמואל בענעט — וועגן דער לאַגע פון יידיש-לשון . . . . . . . 21
י. קאַפּע — נאַכט-קלאַנגען (ליד) . . . . . . . . . . . 22


פרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 5 (44) נאָוועמבער־דעצעמבער 1984